STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03056

RINGEN IN SHTAM

Arie Shamri

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי

רינגען אין שטאַם

ציַיכענונגען פון בעז

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"

תל-אביב, תשל"ה — 1975

רינגען אין שטאם

אריה שמרי

Arie Shamri / Rings in Stem
Poems
Publishing-House Israel-Book, Tel Aviv, P.O.B. 1777

אריה שמרי / רינגען אין שטאַם
לידער און פּאָעמעס
פאַרלאַג „ישראל-בוך“, תל-אביב, רח׳ איתמר בן-אבי 4

צייכענונגען פון ב ע ן

Printed in Israel 1975 נדפס בישראל
©
כל הזכויות שמורות
דפוס „להב“, תל-אביב, טלפון 36564

פאַר די יינגסטע רינגעלעך פון מיין שטאַם

אותיות פון פּוילישן וואַלד

די ערשטע ווערטער

זיי, פון שטומע זילבן אויסגעשפונען,
אין מיר נאָך ציטערן און ברומען
מיט לשון לידער,
שפּילנדיק און גראַמענדיק
ווי שוועסטערלעך און ברידער.

זיי, מיט זייער ערשטקייט —
אַ זכות־הבכורה זיי, אַ באַשערטקייט,
ווי ב ר א ש י ת ב ר א ——
פון טאַטע־מאַמע שאָרכן זיי
מיט ליבשאַפט אַזאַ קלאָרע.

אין פאַרגעסנקייט,
ווי קיין מאָל נישט געווען;
אין פאַרהוילנקייט,
אָרעם, אומגעזען —
שטייען זיי ווי היטער ביי מיינע תחומען
קעגן דור־הפלגהס פּילדערייען,
צווישן די אַרענעס ווו מעגאַפאָנען שרייען.

און ווען די קולות אַרום מיר זיך שפּרייטן
מיט האַרטן כריפּ פון אַלדי־גרייטן,
קומען זיי צו מיר, די יינגלדיק־קאַפּוויריקע,
מיט אַ בליק ווי ערשט־געבוירינקע —
כ׳זאָל ווידער ווי אַמאָל ניס און מאַנדלען טיילן — —

און ביים זייטוועג פון יאַריד,
ווו מיין יונגבוים אין פייער בליט —
זיי, מיט לשון לידער
נאָך זינגען און דערציילן.

ניגון פון פאַרטאָג

ווי האָב איך געהיטן דורך יאָרן
דײַן מורמל אין מײַנע געהערן!
און דו ביסט געוועזן און געוואָרן
דער שדי אין קנייטש פון מײַן שטערן.

געהערט האָב איך דיך אין די פריִען
מיט ליכטוווּנק פון מאָרגיקן שטערן.
גאָטס פינגער האָט דעמלט מײַן וויִע
באַצייכנט מיט נס פון באַשערן.

אין פינקל פון שין'ישע שטראַלן,
אין פרימאָרגנס סודיקע כּתבן,
איז דעמלט מײַן טרער אויך געפאַלן
ווען איר צוויי בײַזאַם האָט געדאַוונט...

דו-דו, הויכער האַר פון די הייכן,
בײַ מײַן טאַטן נאָענט דערנעבן.
פאַרבליבן פון דעמלט אַ צייכן,
דער סודיקער כּתב פון מײַן לעבן;

אַ פינקל פון שין'ישע שטראַלן —
די ערדן מיט הימלען צו בינדן.
און הנני העָני מיט הלל
זאָג איך אין פאַרטאָגיקן צינדן.

די אַפּלען פאַרשפּיזט אין אֵין-סופן,
באַברעמט מײַנע אויגן מיט פלאַמען.
זיי גליִען פאַרחידושטע אָפן,
און איך זע אײַךביידע — צוזאַמען...

צוויי אביונים — יעדער אַ מלך
אין וועלב פון פּאַרטאָגיקן טויער.
אײַער תּפילה-שירה נאָך הער איך:
אַ שטראָמיקער טאַנץ אין מײַן אויער!

מיט יעדער דערוואַכונג — ד י תּפילה,
אַ ניגון באַהאָפטן מיט שטראַלן.
כּאילו די יאָרן, כּאילו
נישט זענען אין אָפּגרונט פּאַרפאַלן.

ס׳איז אַ נס וואָס וויל מיך נאָך נערן,
אין קומער פון שׂטן-שפּיל-יאָרן,
מיט קערן פון מאָרגיקן שטערן,
מיט ניגון פון וויגל ביז אָרון — —

דיך האָב איך געהיטן דורך יאָרן,
דײַן מורמל אין מײַנע געהערן —
און דו ביסט געוועזן און געוואָרן
דער ש ד י אין קנייטש פון מײַן שטערן.

די טאָכטער פון וועלדער

א

זי, די טאָכטער פון וואַלדייִד ר׳ משה,
געציייַטיקט אין ווינטוויג פון סאָסנעס
מיט ייִדישע זאַפטן אין פוילישע וויאָסנעס
צווישן בלעטער פון וואַלד און בלעטער פון סידור —
באַוויַיז מיר הײַנט ווידער!

הײַנט נאַכט, אונטער שטערן פאַרלוירן,
הײַנט נאַכט, ווען איך צייל מײַן געבוירן
מיט ריסן אין גלידער —
אַנטפּלעק זי מיר ווידער!

איך פרעג נישט הײַנט נאַכט אויף קיין שיינקייט,
אירע שפּורן נאָר זוך איך אין אַלע אַרומען.
אַלץ אין מיר — מײַן אַליינקייט
שרײַט זי זאָל קומען.

דער וואַלד איז נישטאָ
און איך הער ווי ער בלעטערט.
די תּפילה נאָר דאָ
און איך הער ווי זי קלעטערט
אין וואָרצלגעפּלעכט פון קברימשן נידער.

מיט בלעטער פון וואַלד, מיט בלעטער פון סידור —
אַנטפּלעק זי מיר ווידער!

ב

די באַצירטע פּאַטשיילע אויף שולטערן שמאָלע,
אַ באַוועבטע מיט בלעטער פון גאָלד און פון סאַמעט,
שפּרייט זיך אויס קעגן מיר צווישן פענצטער פון חלום —
צער און שיינקייט פאַר מיר, די געשטאַלט פון מײַן מאַמע.

די טאָכטער פֿון וועלדער, וואָס איר שטעג האָט פֿאַרלוירן
אין די שפּעט-צייַטיקע יאָרן נאָכן פֿאַרקנסן,
האָט אַלץ נאָך אין בענקשאַפֿט, שוין נאָך קינדער-געבוירן,
מיט וועלדער געאָטעמט אויף שטעטלשע גאַסן.

מיט סאָסנע-געוויגן, מיט בעריאָזע-געבלענדן,
מיט ווינטן פֿון פֿרילינג און מיט די קאָרענע בשׂמים;
מיט די פֿעלד-האָריזאָנטן, מיט די צעשטראַלטע אומענדן —
איבער די תּחומען פֿון שטעטלס ענלטע קראָמען.

האָט דער וואַלדישער עבר באַצירט די פּאַטשיילע,
מיט גאָלד און סאַמעט באַוועבט די שייַניקע בלעטער,
זיי זאָלן אויסשטראַלן און זיי זאָלן דערציילן
ווי ס׳האָט אַ מיידעלע ווען אויף סאָסנעס געקלעטערט

אַריבער וועלדער צו זען די לאַנדישן פֿרייַע
און אין פֿרום-אייגענעם לייַב די וווּקסן און בליִען,
צו ווידער־באַלעבן און יונג־ברוויזיק באַנייַען
די פֿאַרבן און ריחות פֿון די וואַלדיקע פּריִען.

אַ בלאַט — אָט אַ רירט ער מיט געשוועב פֿון מאָטילן.
אַ בלאַט — אָט אַ צירט ער מיט בלענד פֿון אַ רינגל.
ווי בייַ איר טאַטן אין וואַלד צווישן צווייַגן און תּפֿילין,
ווו אַ הירש לויפֿט אַדורך ווי אַ שמייכלענדיק ייִנגל...

מיטן פּאַטשיילעשן פֿלאַטער אין דרויסן בייַ שוועלן
זע איך זי איצט נאָך ווי אין אַ לידערוועב זיצן,
ווי פֿון איבער פֿאַרוואָלקנטע דעכער אין אלול
שיקט זי גלייִקע בליקן צו איר וואַלד דאָרט אין ניסן.

יונגקייט מיניעט אין גאָלד, פֿרומקייט טיפֿט זיך אין סאַמעט
מיט שאָרכן פֿון מעריב, מיט פֿלאַטער פֿון טויבן.
וויפֿל מייַלן און יאָרן! ווי ווייַט איז פֿון דאַנעט,
פֿונעם טויער פֿון בענקשאַפֿט צו קוואַלן פֿון גלויבן!

ס'איז נאָך אפשר אַ צויט פון איר צירטוך פאַרבליבן
אויף אַשן בײַ חורבות אונטער טײַוולשע טלאָען,
און אַן עלנטער ווינט האָט צו מיר עס דערטריבן
בײַ די פענצטער פון חלום אין נאַכטיקע שעהען.

גאָלד און סאַמעט מיט טרערן פאַרוועבט דאָ צוזאַמען
איבער די מײַלן און יאָרן, ווינטן און וועגן...
און אין ווײַטן זכרון צינד איך פאַר מײַן מאַמען
צוויי עלנטע ליכטלעך — אַזאַ סדום-וועלט אַנטקעגן!

ג

בײַ ווײַטע וועלדער טו איך פרעגן:
צי געדענקט איר דעם שפריי פונעם צוויט
בײַ די בושליקע טריט
פון דער שטאָלצער און פרומער?
צי גרינט נאָך דער בלעטערשער טעפּער
אין צניעות מיט גלוסטן פון זומער?

ניין! — זאָגן מיר די וועלדער בײַ נאַכט
מיט קריץ פון די זעגן.
ניין! — זאָגן מיר די וועלדער בײַ נאַכט
מיט פלאַמיקע רייפן.
און צוויי פונקען זע איך אַנטקעגן —
אירע אויגן אין מיט פון דער שׂרפה.

נעם איך זיי פון דער נאַכט מיטן טאָגן
אַרויף אויף די געטלעכע וואָגן,
זײַן זינד אַריבערצושווערן
מיט די צוויי פונקען
און מיט די פאַרפרוירענע טרערן.

אותיות

צווישן אַלף און תּו די דינע שלאָס-מֶם,
ווי דאָס הייַזעלע דייַנס, זיידע אין וואַלד,
באַמאָכיקט און אַלט.
און אַלץ — אַרום-אַרום,
מיט סאָסנעס צו זון,
מיט ווערבעס צו שניי —
שייַנען באַקריינט
מיט לַמד און נון
און יוד, וואָוו און הֵא.

אין שטילקייט דאָרט
האָט געאָטעמט גאָטס וואָרט.
וואָס שטילער — מער סוד,
מער וואַלד און מער גאָט.

אַ ווייַטער זכּרון ווי אַ זשומיקע בין,
אַ תּפילה-געזשום אין זילבערנעם גרין —
און איך וועל שוין קיין מאָל נישט קומען אַהין.

שפּורן פון יאָרן מיט אַ חתימה פון אַש.
אַ הייליקער וואַלד אין געזעג פון געוואַלט.
ווּ יוד, וואָוו און הֵא?
ווּ לַמד און נון?
ווּ ווערבעס אין שניי?
ווּ סאָסנעס אין זון?
אויך גאָט דאָרט אין שלאָס פון שלאָסיקן מֶם
און ער זוכט אינעם אַש זייַן אייגענעם שם.

צום זיידן אין שלווה

דו וואַלדייִד, מײַן זיידע, באַגראָזטער, באַמאָכטער,
צי ווייסטו, צי ווייסטו פון רבקה דײַן טאָכטער
דאָרט אין דײַן רו, הינטער דער טיר פון גן-עדן,
בײַם זעקעלע מיצוות, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ זיידן —
צי איז דאָרט דערגאַנגען דאָס פאַלן פון שטאַמען? —
מיטן וויינען פון בלעטער דער שרײַ פון מײַן מאַמען?

אין נעסטן פון שלווה, מײַן זיידע וואָס ווייסטו
פון וואַלדיקע קנוילן אין פלאַמען די הייסטע,
ווי ווינטן מיט רישעות די פונקען צעבלאָזן
אויף שטאַמען און בלעטער און וואָרצלען און גראָזן —
און יעדער בוים — ייִד, און דער וואַלד איז אַן עדה — — —
צי ווייסטו אין שלווה, ר׳ משה, מײַן זיידע?

אויב ס׳איז נישט אַ פויגל פון פײַער דערפלויגן
מיט די טרערן די לעצטע פון אירע אויגן
און ס׳האָט נישט דאָס פײַער באַהאָפטן אײַך ביידע —
צי ווייסטו, צי ווייסטו, ר׳ משה, מײַן זיידע?

פראַגן וועגן אייביק

צי איז דען אין גאַנצקייט פאַרבליבן דער אייביק,
געטלער באַליכטיקט און אויך מענטשלער באַגלייביק
אין דער לויטערער הייך פון הימלישן גאָרן,
ווען עס זענען צעפאַלן רגעס און יאָרן?
אַז ווי איז דער אייביק אַנטרונען פון פלאַמען
און זיך נישט פאַרסמאַליעט מיט אַלע צוזאַמען?!

האָט גאָרנישט דערפונקלט צום וועלטהאַר דעם הויכן
ווען קוימענעס האָבן געשפּיגן מיט רויכן?
איז דאָס זונראָד פאַרבליבן גאָלדיק בשלמות
ווען טויט האָט געפינצטערט אויף ווו נאָר אַ היים איז —
צי זענען די הימלען אין בלוילעכן ווונדער
פון אַלץ און פון אַלעם פאַרבליבן באַזונדער?

האָבן דזשונגלען און בערג געקאָנט דען פאַרצוימען
די זאָטיקע בלוטן, די מאַרכיקע שוימען?
און ווען אַ קינד איז פון וויגל געפאַלן
אין שטאָלענע נעצן פון מערדערשע קנאַלן —
צי איז נישט דעמלט דער אייביק אין אָט דער רגע
געקומען צום טויט אויף זיין דויער זיך פרעגן?

בת ישׂראל

דו פרומע טויב, אַווּ ביסטו פֿאַרפֿלויגן?
אויף דער זכּרון קאָן דיך קוים געפֿינען.
צו דײַנע טיפֿע, באַהאַלטענע אויגן
האָט ווען ביאַליק געזונגען: „הכניסיני״.

נאָך פֿאַרן ריס אין דײַנע צאַרטע פֿליגל,
נאָך איידער ס׳האָט דער פֿלאַם פֿאַרכאַפּט די נעסטער,
נאָך איידער מ׳האָט פֿאַרשלײַדערט דיך אין טיגל —
דו „אם ואחות״, דו מאַמע און שוועסטער.

אַווּ דײַן ווײַסקייט? זי שווײַגט אין פּער פֿאַרקוילט,
נאָר דײַנע פֿינגער קלאַפּן נאָך אויף טירן
און פֿליגל רײַסן זיך דורך די שטאַכעטן.

דײַן לעצט געשריי איז דאָרטן אײַנגעגרוילט,
אָט דאָרט ווו קרעמאַטאָריעס איצטער פֿירן
בײַם קאַבינעט פֿון מענגעלעס לאַנצעטן.

אַלמנה ייִדיש

איר שיפל טרערן האָט דער ים צעבראָכן
און איין-אַליין איז זי געקומען,
מיטן אַש-גרין פון קברימדיקע מאָכן,
און דאָ איר שאָטן אָפּגעפונען.

אין די ווײַסע זאַמדן אויפן העלן ברעג
האָט זי איר קאָפּ אַרײַנגעשלומערט.
מיט ווינט און כמאַרע האָט איר די נאַכט באַדעקט
בײַ שטאָט פון ליכט און דופט פון זומער.

פון אַ ווײַנטיש בײַם ים האָט ווער אויף ייִדיש
געפּרוּווט אַ זינג טאָן אַ מונטער ליד.
נאָר זי, זי האָט זיך טרויעריק פאַרחידושט:
צי דאָס איז ייִדיש, צי ער איז ייִד?

ווער צימבלט פריידיק אויף זײַן גאָלדן צימבל
עלעהיי אַ קעניג אויף זײַן טראָן? —
גלײַך ווי ייִדיש וויינט נישט אויפן לעצטן אינדזל
און ווי גאָר אַ וויגליד הייבט זיך אָן...

אוי, די מעוועס פליִען מיט אַש אויף פליגל
און סאַראַ טרערן פאַלן פון זיי!
די אלמנה ייִדיש וויגט ליידיק וויגל —
און נישט מיט לידער, נאָר מיט געשריי.

פייגל — אַ מנין

און האָב איך נישט זיי, די אַלטע מנינים —
האָב איך פייגל אַ מנין.
גאָר פרי, אין סאַמע טונקל-געפינקל
דערפּוויזען זיי צו מײַן ווינקל,
מיט אָטעמס בראַנד-הייסע,
אין פּײַער-טליתים —
אויך מיך צו פאַרהילן.
און דער טוי פון פרימאָרגן
קאָן מיך נישט קילן.

פאַר וויפל אבלים איז יעדער אַן אָבל ? !
קריץ איך מיט זיי אין צאָרן מײַן שנאָבל,
ברום איך מיט זיי, די אַנגסטיק-דערשטיקטע,
אין וואָלקנס פון פאַרמעט,
בײַ שמות צעפליקטע.

און דו דאָרט, פאַרהוילן,
דו וואַרטסט נאָך אויף תפילה
און רופסט זיך נאָך אַלץ : אָדון עולם ? !

אָ, חרובע וועלטן !
ווי זאָגן מ ה ט ו ב ו
אויף יעקבס געצעלטן ?

צום ווײַטן שטערן

א

און אַלץ נאָך דו, דו ווײַטער שטערן
וואָס ווינקט און רופֿט צום ייִנגל-פּיצל:
פֿאַר דיר די הימלישע מעדנים
אינעם לבֿנהשן שקאָרמיצל.

קאָרשונעס גיריקע, פֿון לאַנג שוין
געשליפֿן האָבן דאָרט די ציינער.
טאָ ווי נאָך אַלץ פֿון דאָרט דאָס ווינקען?
ווי שײַנסטו נאָך, דו שטערן איינער!

איך ווייס אַז ביסט אין ים געפֿאַלן,
אַרײַן אין שליים פֿון טויטע רויגן,
טאָ ווי זשע שײַנסטו נאָך פֿון הימל
און ווײַזסט מײַן טאַטנס תּורה-אויגן?

ביז ווען וועסט דו אַזוי אַ ברענען
מיט פּרוכתן אויף מײַנע ברעמען?!

ב

אויף פֿאַרמעטן פֿון שניי אַ שטערנפֿינגער דײַן —
ער האָט אויפֿגעצייכנט, אַז איך אויף ערדן בין,
מיט אַלף-בית גאָלד-ווײַס, מיט הימל-ריינעם כּתבֿ,
מיט פֿינטלען זוהר-ווונק, מיט סודות פֿון באַשאַף.
אַ שריפֿט אַזאַ דײַן-דײַן פֿון אַ געהיימער האַנט,
וואָס ווינקט ביז איצט צו מיר פֿון ווײַטן ימענראַנד
און צייכנט אָפּ מײַן טאָג פֿון אַלף איבער תָּו
און שטערנט זיך פֿונאַנד אין היילן פֿון מײַן שלאָף
און דופֿקט אין מײַן בלוט און ציטערט אין מײַן ביין,
און וועט נאָך שײַנען ווען אויף מײַן מצבֿה-שטיין.

אַ שטעגל אין אַש

אַ שטעגל פאַרהוילן אין אַש
מיט אַן איינציקן פונק וואָס נאָך טליִעט,
אַזש וועגן צעעפנט ער אַזש
דורך קברים און רויכן און תּליות —
און אַ וועג פירט קיין קאָצק
וווּ מײַן זיידנס זיידע געגאַנגען.
„קיין קאָצק גייט מען דאָך״ —
און ס'איז נישט דער ניגון פאַרגאַנגען.

*

אַוועק פון זײַן נעסט אין שטעטעלע מאַקאָוו,
פונעם האַרמידער, פון קהל־געררודער.
אומזיסט דאָס געבעט פון יוסטע פּרנסים:
שוין צײַט, צבי יהודה,
גיי אַרויף אויפן כּסא־רבנות.
נ י י ן! — זאָגט ער מיט אַן אָטעם אַ הייסן,
טרײַ צו זײַן גאָט בנאמנות:
וואָס אַ טראָן און אַ שרביט,
אַ קרוין און אַ דגל?
מיטן גאַנצן גערודער דאָס פּאָרען און מישן?
קיין קאָצק וועל איך גיין עולה־רגל
צו ר׳ מענדעלעס טישן.

און ווי נאָר שבת אַוועק, טאַקע באַלד
האָט צבי יהודה פאַרנומען זײַן קלומיק
און מיט הנני העָני,
זמרדיק, סטרוניק,
געלאָזט זיך צום טײַך, אַריבער דעם וואַלד,
צו גיין און צו גיין פון שחרית ביז מעריב
וואַלד־אײַן און וואַלד־אויס
איבערן בוג און איבערן נאַרעוו.

אַלץ ווײַטער פונעם גערודער אין מאַקאָוו.
אַלץ ווײַטער פון דער נגישה פון תקיף.
ס׳איז אין בידע אַ גאַנג, נאָר מלכותדיק טײַער.
קיין קאָצק גייט מען טרינקען פון הייליקן פײַער.

פעלדער און וועלדער, די שיך אויפן אַקסל
און דורך באָרוועסע פיס פילט מען דאָס וואַקסן.
הושענות, לולבים זיך הוידען און סודן
און עס אָטעמט די ערד אויף קנעכלען צעפלעטע.

ווער דאַרף דעם געפּאַר אויף פורן און בוידן?
דעם עושרס רבותא אויף זײַן קאַרעטע?
ס׳בלײַבט אויך שטייניק זײַן האַרץ אויף געזעסן געבעטע
און אַ פערד בלײַבט אַ פערד אויך אונטער דערעס פון סאַמעט —
איז ווײַטער און ווײַטער, אַלץ ווײַטער פון דאַנעט!
וואַלד-אײַן און וואַלד-אויס, געפלאָכטן, געדרייט
און פריילעך — ווילך,
מען גייט און מען גייט —
„קיין קאָצק גייט מען דאָך" — —

גייט מען, גייט מען ווידער און נאָך
פון זונטיק פרי אַ גאַנצע וואָך —
און טאָקע שפעט שוין אין פרײַטיק
איז צבי יהודה דערגאַנגען
צו אַ שטרעמל גאָר זײַטיק,
דאָרט בײַ זונשטראַלן לעצטע
אַ פישל צו פאַנגען
לכּבוד שבת.
און ס׳האָבן אין שטרעמל געזאָגט: ל כ ה ד ו ד י
אַפילו די זשאַבעס.

זיך דאָרטן געטובלט
און שוין נאָענט צו ליכטצינד געקומען,

אָפּגעשיידט פונעם שטויב מיט וואָכס גוטער ענדע.
אין אייגענעם לויטערן פּנים זיַין מוט אָפּגעפונען
צו זאָגן: גוט-שבת, ר׳ מענדל.

און שבת-ליכט זענען די עדות
וואָס דער אמתער תּוך פון אַ פרייד איז:
ר׳ מענדל איז דעמלט געזעסן פאַרשלאָסן
הינטער פאַרכמאַרעטער טיר מיט שווערע פאַרדראָסן —
האָט צבי יהודה נאָך העכער געלאָזט דאָרטן הערן:
גוט-שבת, ר׳ מענדל!
מיט לויטערע טרערן
פון צערן אין האַרץ אַריבערגעגאָסן.

און שבת-ליכט זענען די עדות:
סאַראַ פרייד, וויפל נחת
ווען ס׳האָט זיך געעפנט די טיר
און ס׳זענען ביידנס הענט געוואָרן יד־אחת...

*

און אין אַשיקן פונק נאָך פינקלט די טרער
פונעם שטערן פון קאָצק וואָס וואָגלט קיין גער.
דאָס גאָלד און אַש פון מיַין שטאָם אויף יענעם וועג,
כ׳וועל עס דערציילן פאַר די מאָרגיקע טעג:

ווען ס׳האָט ווי רויך פון אַ ליולקע פאַרקרימט זיך קאָצקער התלהבות
און ס׳האָט דאָס הייליקע פיַיער געדושעט מיט כמאַרעס און גאווהס —
האָט ר׳ יצחק מאיר געזאָגט דער חברותא:
קומט שיידן און דאַנקען ר׳ מענדלען פאַר זיַינע זכותים...

און אַזוי ווי דער רויך פון אַ ליולקע צעשווימט זיך,
גייט אַריַין אין אַ וואָלקן, ווערט דאָרטן נסתּלק,
און אַזוי ווי אַ וואָלקן אין אַ רעגן צערינט זיך
ביז אַ גשם מיט ברכה שפּרודלט און כוואַליקט —

אַזוי האָט דאָס פֿײַער פֿון קאָצק אין גער אויפֿגעליכטיקט,
און ר׳ יצחק מאיר, למדניש און ציכטיק,
צו זיך האָט פֿאַרנומען, אים, צבֿי יהודה,
דעם גייער קיין קאָצק, דעם עילוי פֿון מאַקאָוו:
קום מיט הלכה און קום מיט אגדה
און זײַ גערער דרשן מיט זיסן קול יעקבֿ...

איז ווי פֿון כּמאַרעס אַרויס צבֿי יהודה,
גלײַך אַ שטערן בײַ נאַכט פֿון רויך אין אַ קוימען,
מיט רייד וועגן גאָט וואָס לײַטערט דעם דומם
און איז יעדנס האַרץ מיט שׂימחה מזכּה
אויב נאָר מען וויל, אויב וויל מען נאָר טאַקע.

און ייִדן מיט זין און מיט איידעמס —
צו הערן די געשמאַקע גערייידן,
אַז מען דאַרף גאָרנישט וואַרטן אויפֿן גן־עדן,
אָט אָ דאָ, טאַקע באַלד און באַלד טאַקע שוין —
דער עפּל דער זיסטער, גאָטס ליכטיקע קרוין...

— איַי, ווי ער זאָגט עס מיט סודות גאָר קלאָרע,
די ווערטער ווי זילבער אויף זײַן עטרה.
זײַן טלית — שמים. מלאכים אים הילן —
דעם דרשן פֿון גער, דעם מאַקאָווער עילוי.

און אַזוי ווי דער רויך בײַם הימל ווערט בלאָער
ווען ס׳איז דאָס פֿײַער פֿון לאַנג שוין פֿאַרלאָשן,
אַזוי האָט געלאַשטשעט אַלץ זיסער אין אויער
דער סודיקער ציטער טיף אין זײַן לשון.

— איַי, ווי ער זאָגט עס מיט זיסע רמזים
און די סודות פֿון גאָט פּרוּווט ער אויססודן.
ס׳ווערט הימל אַ פֿעלד מיט גלעטיקע גראָזן
און עס שטראַלט יעדער גראָז — מלא כּבֿודו.

אויף זײַן טלית האָט זיך געגאָלדיקט אַ דרים,
טאַקע פֿון אים, פֿון „חידושי הרי״ם״...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און עס שטראַלט נאָך דער דרים אין פֿונק ביז אַצינד
און עס זינגט נאָך זײַן וואָרט מיט סוד און קוראַזש
אַריבער די ווירבלען פֿון פֿײַער און ווינט
צווישן קאָצק און גער אויפֿן שטעגל פֿון אַש.

אַ גאַסט אין מײַן נחלה

אַ גאַסט אין מײַן נחלה

א. דער אינו-נראה

דאָ, ווו דער דעמב פֿאַר מײַן פֿענצטער
בייגט זיך איבער בלומען,
ברייט-שאָטנדיק, מיט זון אָרומגענומען —
האָב איך, אין אומרו, אים דערזען
מיט פֿאָלעס אין געפֿלאַטער.
אין זײַן מראה האָט זיך געטאָפּלט
אַ קוועלנדיקער ברונעם
מיט אַ פֿלייצנדיקן קראַטער.

אָט אַזוי אַ הירש באַווײַזט זיך
אין אַ וואַכער בליצנאַכט אויף די ברעמען,
בעת מען פֿילט זיך וווּנדיק, געיאָגט פֿון יעגער,
נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס און וועמען —
ווער איז ער דער געהיימער, פֿאַרכטיקער באַוועגער,
וואָס יאָגט די בליצן צינדן, שווינדן?
און באַלד — אַ וואַלד, וואָס נישטאָ אויף מײַלן,
און זעסט די בליצן ווי לויפֿנדיקע פֿײַלן
אין לײַב פֿון הירש אַרײַנגעשניטן.
ס'איז דמיון אַלץ, נאָר דו — אין מיטן!

אָט אַזוי אַ קוואַל באַווײַזט זיך פֿאַר דעם פֿילגער
בײַם שאַרפֿן באַרג אין בעקן פֿון פֿײַערזאַמדן,
אין לעצטער שעה, ווען ער פֿאַרקראַמפּט די פֿינגער
און ציט זײַן האַלדז ווי אַ קעמל צו די ראַנדן.
די ליפּן שוין שפּליטערדיק און טרוקן,
די קעל — אין שטיקעניש פֿאַרקלאַמערט,
און נאָר די אויגן דאָרשטיק קוקן
צום ווײַטן בלאָ וואָס נישט פֿון דאַנעט...

און אויך אַזוי האָב איך דערפֿילט זײַן נאָמען
דאָ, אין מײַן נחלה, בײַ מײַן פּיצל שטיבל,
ווו מײַנע פֿרעגענישן זידיק שטראָמען,
בעת מײַן האַרץ אויף וועלטן האָט פּאַראיבל.

דערפֿילט האָב איך דעם טראָפּן בלוט — געוירשנט
פֿון אַ ים-געזאָט מיט הוראַגאַנען-רודערס;
דערזען אַ גאַסט, דעם מאַקאָווער, דעם דרשן,
מײַן עלטערזיידע ר׳ צבֿי יהודה.

אָט דאָ בײַ מיר, אין פֿולער זון נתגלה
מיט בלענד פֿון קיטל און תּכריכים.
בײַם הויכן דעמב האָב איך אים דערזען נתעלה,
ווי ער בליקט אַרײַן אין מײַנע סתּירותדיקע איכן.

*

איך קען אַ וועג וואָס איז דער זיבערסטער אין חלל.
ווער עס גייט אויף אים — גייט פֿליִענדיק, און דער איז עלול
צו פֿאַרוואַרפֿן גרענעצן: צײַט און אָרט, דאָ און דאָרט,
איך און ער, איך און זיי, און אַלץ וואָס אין דער קאָרט.
איך קען דעם וועג פֿון מײַנע פֿרומע יִנגל-יאָרן,
ווען איך האָב באַוווינט אַ גאָר הויכן, הויכן גאָרן —
אינעם של-ראָש, אין ביתל פֿון תּפֿילין — —
בײַ אַ פֿענצטערל צו אַלע מײַנע צילן:
צו זון, צו שיינקייט, צום פֿאַראיידלען פֿון מענטשנס פֿליישן —
צו נײַעם טאָג, ווען בראשית ווידער וועט בראָשן...

איך קען דעם וועג. דורך מײַן היציקן געאָדער ציט ער,
און ביז מײַן עלטער שפּאַן איך אויף אים אַ צעגליטער.
דאָס איז אַ וועג אָן עראָפּלאַנען, באַנען, שיפֿן.
דאָס איז אַ וועג פֿון אומרו, דמיון און באַגריפֿן.

דערפאַר האָב איך נישט געפרעגט מײַן גאַסט: ווי געקומען?
און נישט געפאָרשט וועגן גרענעצן און תּחומען.
ווי פאָרשן אַ בינטל ביינער נאָך אַ יאָרהונדערט,
ווען עס שײַנט נאָך מאַרך פון זיי — וווּנדער שבוווּנדער?!
יאָ, איך ווייס געוויס ווי אַזוי געקומען —
ווי עס לויפט אַ קוואַל זיגזאַגיק צו זײַן ברונעם.
איך קען דעם וועג אין מײַנע אָדערדיקע טיפן.
דאָס איז אַ וועג פון אומרו, דמיון און באַגריפן.

ב. שטראָפרייד אין שאָטן פון דעמב

— — נישט סתּם דיך שטראָפן בין איך געקומען,
מיט מײַנע חומרות דיך באַלאַסטן,
דו אייניקל דו ווײַטס פון מײַן צײַטס פאַרמעקטע יאָרן;
און אויך נישט סתּם ווויל צו גאַסטן
בין איך פון עולם-האמת אָנגעפאָרן.
מײַן ליבשאַפט מיך צו דיר טוט ווענדן,
צו דיר, קערנדל פון חלום און פון האָפן.
דיך, אַרויסגעשטראַלטן פון מײַנע לענדן,
דיך האָב איך געזוכט, דאָ געטראָפן.
אַ ברעקל פון מײַן גאָלד זוך איך אין דײַן פאַרמעגן —
און אויף דײַן שירה וויל איך פרעגן,
אויף דעם מיין פון אות און פינטל —
דעם זין פון פתח, קמץ, שווא און חולם:
סאַראַ רענדל אין דײַן בינטל —
וואָס האָסטו דאָרטן פון מה-טובו?
וואָס האָסטו דאָרטן פון אָדון-עולם?
זאָגט ווער יהי-אור אין דײַנע גראַמען?
אָטעמט געטלעכקייט אין דײַנע ווערטער?
צי גאָר שעטנז, קאַפּויערדיק צוזאַמען
און אַלץ צעריסענער און פאַרקערטער?
וווּ דער אחד פון יענעם שורש
וואָס יעדער שטיין און גראָז טוט וויסן —
וואָס אָן אים יעדער טאָג און חודש
פון נצח פאַלט אַרויס צעריסן?...

אין שאָטן פון דעמב האָב איך עס געהערט
ווי אַן עקבער און ווי אַ שווערד,
כ׳האָב מיט שווײַגן זיך געוווערט
און ס׳האָט געפּיבערט מײַן געוויסן.

*

בײַ דעמב און רויזן די שמעטערלינגען
זייער שפּיל האָבן געשפּילט,
פון שאַרפע זונענשטראַלן אַפּגעפלויגן
און באַלד מיט שאָטן זיך פאַרהילט.
נאָר מיר די חסד-שפּיל איז נישט געגעבן — —
מ ן ה מ צ ר — דודס פידל שפּילט
אין מיר צו מיר אַ גאַנצן לעבן.

נישט געחלומט קיין בת-מלכּהס,
נישט געזען אין ים רוסאַלקעס.
נאָר שטערן בלוטנדיק אויף גרונטן
און מאַטראַסן — פאַרקוילטע אין די בונטן.
ווי וועל איך מיט די שמעטערלינגען שפּילן?

בײַ דעמב און רויז האָב איך געפּילט דעם ווינט
וואָס בריט און רײַסט און צינדט
פון וועלטנווײַטן ווי אַ העק
מיט פאַכעניש פון שפּיזן.
פון דאָרט, פון שטן-ברעג
האָט דאָך מײַן גרויסער גאַסט,
מיטן טלית — זײַן זעגל-מאַסט,
צו מיר אין נחלה זיך באַוויזן.

נישט ווײַט פון דעמב — אַ פײַגנבוים,
כ׳בין נישט מיט שלווה אונטער אים געזעסן.
דעם גאַסט וועל איך דערציילן
פון מײַן שווײַגנבוים:
ער וואַקסט אין מיר
און אין זײַנע טויטע פייגעלער
האָט ער קיין מאָל נישט פאַרגעסן...

אפשר דאָ וועט מײַן אורח זיצן
און דערפילן דאָ די בליצן,
אַזש ביזן שוויַיגנבוים פון סיני-סנה דעם ציטער! —
דעם פּלי פון טויטע פייגעלעך
אין וועלטס געוויטער.

און אפשר דאָ,
אין די פֿײַערדיקע פּלוסן,
וועל איך באַווײַזן מײַנע זכותים?

*

מײַן וואָרט האָב איך געפּרוּווט באַשיצן
פאַר דעם באַשולדיקער און ריכטער:
נישט סתּם אַ פּאַיאַץ מיט אַ מיצל,
כ׳האָב אויך מײַן ווונק און פונק און ליכטער,
און אויך ווײַן אין מיר, כאָטש כ׳טו ניצן
ווערטער טעגלעכע, פּראָסט און ניכטער.

נישט שעטנז, פּלאָנטערוועבן,
און אויך נישט שפּילערײַ אַ סתּמע;
סתירות טיפע, תּהום פון לעבן,
דער פיבער פון אַ ליקוי-חמה —
אָט דאָס האָט מיר מײַן דור געגעבן
אין זײַנע שטנדיקע פלאַמען...

און כ׳האָב געקוקט אויף זײַנע ליפּן,
צי וועט זײַן חסד פאַר מיר סטײַען,
צו זען די ריסן ווי זיי קניפּן
זײַן עלטערניש מיט מײַן גאָר-נײַעם.
מיר אַלע דאַרף פון אָדמס ריפּן
ביז אין מײַן נחלה דאָ עד היום.

נאָר אַ שווײַגן האָט אים אײַנגעהילט
און איך האָב נישט געקאָנט באַשיידן
צו וואָס און וועם זײַן מחשבה צילט
און וואָס איך בין איצט פאַר מײַן זיידן.
און דעם דעמבס שאָטן האָט נישט געקילט,
דאָ, אין מײַן דאָרפישן גן-עדן.

ג. אין דער גאָלדענער שעה

אַ שטעגל האָב איך אים געוויזן
וואָס פירט פון הויף צו די בערגער גלייַך
פון טירן, פענצטער און קאַרניזן
צו רחבות פון דאָרפיש קעניגרייַך.
פעלדער, תבואות און געמיזן —
עס גלאַנצט די זון אויף אַ גרינעם טייַך.

סעדער פרוכטיקע אין טאָל צעשטעלט
מיט עפּלבינטן און שנירלער ניס,
און אַלץ דאָרט רייצט, יעדנס גומען קרעלט,
ס׳איז בענטש-מחיה דאָרט יעדער ביס,
און אַוודאי אויך אַ פויגל טרעלט
מיט אַ לויבליד הימלישן געוויס.

ווייל דאָרט די בעלי-חי, שאָף און רינד
אין דער ווילעניש פון פעטן גראָז,
און די מילכזאַלב קוועלט, די שפע רינט
מיט מו-מו־דאַנקען אָן אַ מאָס.
אויך קאַלב און לעמל צו גאָט אַ קינד
און פאַר וואָס נישט פריילעך זייַן, פאַר וואָס?

ווי שיין דער פּרדס, יעדער מאַראַנץ
אַ זון — זעיר אַנפּין, גאָלד און גין.
אין זיך פאַרשלאָסן פאַרהיט ער גאַנץ
די וווּנדערצונדן פונעם באַגין,
און זאַפט דעם מענטשן גיט די פלאַנץ
מיט יהי־אור, בראשיתדיקן זין...

אַן אַקעראַד האָט זיך דורכגעשאַרט
מיט דיסקנגלאַנץ אינעם פעלד אַרייַן.

ס׳האָט אַ ייִנגעלע אויף אים געהאַרט,
זײַנע אויגן צוויי ווי בעכערס ווײַן,
און ס׳האָט פון זײַנע בליקן אַרויסגעשפּאַרט
אַ בראשית — אויף דאָס נײַ צו זײַן.

אַלץ אַרום מיט טויען האָט געפרישט,
ווי ערד מיט הימל וואָלט זיך פאַרקנסט.
כ׳האָב געוואָלט אויך זען און האָב עס נישט
אויף דעם שאָטן-פּנים פון מײַן גאַסט.
גרויסע טרערן האָט ער דאָרט געמישט
ווי אין שטערנפאַל אין ים — אַ מאַסט.

*

די מיטאָג-שעה אין פעלד האָט שוין אַהיים גערופן
מיט אַ פולער העלקייט און מיט די גוטסן אירע,
מיט מעש און בראָנדז באַגלאַנצט די דורכגעשווייסטע גופים
בײַ די אייניקלעך פון „התקוה״ און „הצפירה״...

מיט בלאָנדע קוטשמעס האָבן זיי געשפּרײַזט בײַזאַמען,
די אוראייניקלעך פון אַ רב און פון אַ דיין.
זייער האַסטיקן מרוק האָט ער קוים-קוים פאַרשטאַנען,
נאָר קיין עין-הרע, חלילה זיי אַן עין...

אַזוי בלאָס דעם זקנס פּנים אַנטקעגן יונגע
מיט די פולע שורות ציין אין די פעסטע מײַלער.
זיי טראָגן פון די פעלדער אַ געשמאַקן הונגער,
נאָר ער, דער גאַסט — זײַן גומען ציטערט מיט אַ שאלה:

— קול-יעקב ווו? פאַר וואָס הערט מען בלויז גאָפּל-מעסער?
גאָטס שם אַוווּ? צי גאָר אין גאַנצן איבערהיפּן?
צי איז דען נישט גרעסער און צי איז דען נישט בעסער
ווען אַ ברכה מורמלט פון צווישן זאַטע ליפּן?

צי איז דען נישט דער אָדון-עולם מלא-עולם
אויך אין ברויט און פלייש, אויך אין ציבעלע און רעטעך?
און נאָר ביַי איַיך איז ער נישטאָ, פאַרמעקט, פאַרהוילן
אינעם געזעמל דעם, אָט דאָ אין איַיער שטח?...

די סוף-מיטאָג-שעה צום פעלד האָט שוין צוריק גערופן
מיט איר שאַרפער העלעניש, מיט קופּערנע קאָלירן.
ער האָט זיי נאָכגעקוקט, די זון-באַגלאַנצטע גופים
מיט אַזוי פיל גוטס און רחמים און צער און יִראה.

נישט שטראָפן וועט ער זיי אין זייער מי-און-מאַטער.
דער טאָג איז לאַנג און פעלדער זייער שווייס איצט זויגן.
ביַים הויכן דעמב די שוואַלב האָט אַלץ אַרום באַפלאַטערט
און אָפּגעווישט אַ גרויסע טרער פון זיַינע אויגן.

*

— — פאַל נישט אַראָפּ ביַי זיך ווען איך שטיי דיר אַנטקעגן,
נישט צו פּוגע זיַין אין דיר איז מיַין כּוונה.
כ'וויל נאָר אַז וויסן זאָלסט די מעלות פונעם פרעגן —
דער ספק פאַרן מענטש די טיַיערסטע מתּנה!

טעמפּ און זיכער לויפן סטאַדעס צו זייער פּאַשע
און דערזעען נישט דאָס געמויזעכץ ביַי די טלאָען.
נאָר ביַי מענטש אַליין — אין אים נורטעוועט אַ קשיא:
אַז ווער בין איך, אויף ערדן דער מילבן-גאָון?

צי דען אויך נישט דער בורא נאָך טעג די זעקס פון מי,
ווען ערדן האָבן נאָך געשוועבלט און געבלוטיקט —
איז ער דען נישט אַרויס צו זען וואָס און ווי, אַז ווי
זיַין ווערק — צי איז עס קאַליעדיק, צי גאַנץ און גוטיק?

טאָ פאַל נישט אַראָפּ ווען איך רעד דיר אַנטקעגן.
צי דען האָסטו מער „כּי טוב״ ווי ס׳האָט דער בורא ?
צום מינדסטן שוועלעכל דאַרף פּירן טויזנט וועגן
און אויך בײַ דעם גיין אַהיים קאָן מען גיין פאַרלוירן.

פאַל נישט אַראָפּ, פאַל נישט בײַ זיך — האָט ער געמונטערט,
און פון זײַן שמייכל האָט געגריסט אַ קלאָרער פרידן.
אויף זײַן פּנים האָט זיך אַ שניי געמישט מיט צונטער,
ווי עס פּאַסט אַ מדריך אַ האַרציקן בײַ ייִדן...

די שעה די גאָלדענע האָט שוין איר גאָלד געשמאָלצן
נעבן אָוונט-פײַער אויף הימלישע קאָוואַדלעס.
נאָר איך האָב באַוווּנדערט דעם רחמימדיקן שטאָלצן
וואָס בייגט זיך אַזוי נאָענט מיט אַ פרומער גדלות.

די שעה די גאָלדענע געציילט האָט לעצטע רגעס,
און דאַרף — אַ פאַדעם גאָלד אין ערגעצן פאַרבליבן:
ווער זאָגט, אַז טאָג פאַרגאַנגען, גיי פּאַרש און ווידער פרעג עס,
און נאָך זעקס טעג בראשית — גיי און זוך דעם זיבן!...

אַ פּיצל שוואַלב האָט דאָרטן, אויף די דעמבנהייכן,
אַלץ צוגעזען און די דעמבנקרוין געהוידעט.
נאָר זי אַליין האָט אויך געקאָנט צו אונדז דערגרייכן,
ווי אייניקל און זיידע האָבן זיך געסודעט.

ד. מיטן אָטעם פון נצח

צו גיין און זען און בײַזאַמען טראַכטן —
האָט ער מײַן האַנט אין זײַנער אַרײַנגענומען:
וואָס טוט זיך דאָ אין מענטשנהאַרץ פאַרמאַכטן?
צי קוועליקט דאָ אין אָט דעם ברונעם?
צי נאָך זיבן טעג האָט איר דאָ אַן אַכטן —
אויסער נצחס סדר אָפּגעפונען?

ווי פייגלשוועב אין צווײַגיקן באַוועגן
האָב איך געהערט זײַן פרעגן:
אײַער נחלה הויזט מיט קינד און רינד
און פעסט, גאָר זיכער די יסודות.
נאָר דו און זיי, איר אַלע דאָ אַצינד —
צי ווייסט איר כאָטש פון דעם די סודות?
זאָג מיר דו, ווו הייבט זיך אָן דאָס דאָרף —
פון ווען דען מיינסטו, פון כמה יאָרן?
צי נישט פון „אנכי״ס ערשטן שאָרף
בײַ סיניס פלאַקערדיקן דאָרן?
וואָס דאָ די קראַפּטן און די האָפּטן —
צי נישט פון לוחות פעלדזנשטייניק?
צי נישט פון געבאָט: ו א ה ב ת,
אויף לוחות צוויי מיט האַרץ געאייניקט?
האָט נישט ישעיה דען זײַן נאָמען
אין אײַער יעדן גראָז פאַרצייכנט?
קאָן מען דען אָן אחרית-הימים
אַן איינציק גוטן טאָג דערגרייכן?

פון וואָס, זאָג מיר, דאָס אַלץ די פּרוכט איז?
וואָס האָט די ציגל אין וואַנט באַהאָפּטן?
ווייסט דער בויער פון שטיין פון לוחות —
פאַר וואָס מען האָט אַ פאָלק געשאָכטן?!

די ציגל רויט — ווייסן זיי די פאַרב
וואָס איז אין זיי אַרײַנגעגעבן?
אָט די נצח-פאַרב, וואָס זאָגט: גיי שטאַרב
אויף צו מקדש זײַן דאָס לעבן.

דאָ ביימער זע איך — אַ גן-עדן,
פון אײַך געפלאַנצטע און באַשאַפטע.
נאָר וויסן וויל איך סוד פון ליידן —
צי מענטש צו מענטש היט ו א ה ב ת?...

און ווי מיט עקבערן אין פײַער
האָט ער געטאָן אַ בליק
אַריבער שולטערן און שטערנס,
ווי אָפּצוזוכן איין פערל גליק
אין ים פון טרערן:

צי אָט די עדה ייִדן, הונדערטער קיין עין-הרע,
מיט דער גאַנצער פּילדערניש און טאָרע —
צי זעען זיי דעם איינעם
וואָס הינטער ווענט טוט וויינען?

איז דען ו א ה ב ת בלויז אַ קוצל-מוצל,
אַ קונדס-שטיף אויף אַ הילולא?
דעם תּוך, זאָג מיר, פון דײַן קיבוצל —
צי שאָלעכץ בלויז, צי אַ פּרי גאָר אַ פולע?...

נישט ווײַט פון אונדז האָט אַ בעל-מום געהונקען,
מיט געדאַנקען אין זיך פאַרזונקען,
און ס׳האָט געשאָטנט אין די קנייטשן פון זײַן שטערן,
ווי אין אַ באַהעלטעניש פאַר טראַכטנדיקע טרערן.
מיט יעדן שפּאַן האָט ער געטאָן אַ טוליע
זײַן פרײַנד דעם איינציקן — די קוליע.

אַ יתומל, מיט אַ פינגער אין זײַן מויל,
האָט אונדז פאַרשנדיק באַשטוינט.
ס'האָט די זון באַשײַנט אים גאָלדיק-ווויל,
און דאָך זײַנע טרערן נישט באַלוינט.

און ער, דער חוקר-דורש,
אַלץ געגישטערט האָט בײַם שורש:
צי שׂימחה כאָטש אין האַרץ דערינען
קאָן מען דאָ בײַ וועם געפינען?
די שׂימחה אין זיך אַליין —
יאָ צי ניין?...

און מיט אַ כמאַרע פון געדאַנקען
האָט ער זײַן בליק פרעגנדיק פאַראַנקערט:
אַזוי פיל זון —
און פאַר וואָס די פנימער פאַרפרוירן?
אין גוטע נעסטן וואָרקעט דאָ די טויב
און פאַר וואָס נאָר איר אַליין אַזוי פאַרשוויגן?
ווּ די פרייד אין אײַך פון בורא?
איז דען אײַער מי די אייגענע אַ ליגן?...

איבער דעם גרינעם טאָל, אויף די בלאָע הייכן
האָט אַ וואָלקנדל געמאָלט אַ פראַגע-צייכן.

ה. אַנדערע געסט

גאָר אַנדערש איז מיט געסט פון עולם-הזה,
וואָס זוכן ווייכע לאַנקעס און אַ פּלאַזשע —
אַ פאַרגעניגן פאַר די קרוכלע ביינער.
זיי פרעגן נישט, זיי „לייגן נישט קיין שטיינער".
די לאַנדשאַפט שיין — איז האָב הנאה, פעטער,
און שלווה נעם ביַי גראָזן און ביַי בלעטער.

ווער זענען זיי — די מיסטערס: חנן, מאַטקע?
תּלמידים פון באַקונין און קראָפּאָטקין.
די בלאָע אויגן זאָגן, אַז אַ מאמין,
מיט רום פון תּפיסות, קאַמפן און פּראָגראַמען...
איצט זעען זיי אַ זאַנגפעלד, גאָלד אין גאַנצן —
און טרערן אין די אויגן שטויניק גלאַנצן.

עס פליסטערן די ליפּן פאַרגעניגן:
ס'איז אַלץ אָן אַ מאַכט דאָ, אָן רויב, אָן קריגן.
אַ חלום דאָך דאָס אַקוראַט ראַיעלע;
ס'איז אונדזער חלום — ממש, מלא פלא,
טאַקע ווי באַגערט און אויך פיל חידושים...
און חנן וויל אַלץ גלעטן, מאַטקע — קושן.

מיט ניכטערבליק באַטראַכט זיי דער באַגלייטער,
וואָס פון זיַין ווונד נאָך שטראָמט דער הייסער אייטער
נאָך די דריַי מלחמות: יהודה — פּלישתּי...
בלוט פון זיַין געוויסן וויל ער אַ וויש טאָן,
אויף יעדן גראָז זעט ער אַ יאָרציַיט-קנייטל
און פרישסטער גרין פאַר אים זיך ווונדיק רייטלט...

און נאָך אַ בליק — פון איינעם אַ באַדענקטן,
וואָס זעט זיַין אינדזל באַלאַגערט, אַ פאַרענגטן;

די העלע פּאַנאָראַמעס קלענסטן זאַנגל
איז מיט פון כוואַליעס וועלטיקן געראַנגל;
יעדן שלעבט־ווינט הערט ער אויף דערפלס טויער
מיט שפּלקייט פון דור און פון זײַן טרויער.

ער קוקט אויף זיי, די רײַזע־לײַט די ביידע,
און טראַכט פון זיך אַליין און פון זײַן עדה:
ווי הויכע בשורה־פּאַקלען — אײַנגעלאָשן,
ווי פון געלײַטערט גאָלד בלײַבט בלויז אַ גראָשן —
און וואָס מאָרגן זאָגט — וואָס וועט וואַקסן ווײַטער
אין אָט דעם ווייכן גראָז און זיסן קרײַטער?...

— — אָ, ווערט נישט אומעטיק ווען אײַך באַגײַסטערט
אָט דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן געמײַסטערט,
און לאָזט נישט אײַער בלוט זאָל ווערן ביטער,
ווען יעדעס גוטס פאַר אײַך נאָך ליביק ציטערט.
אײַער חלום האָט איר דאָך דאָ געפונען,
תּלמידים פון קראָפּאָטקין און באַקונין.

נאָר מיר, דאָיִקע, מיט בליקן שווער אַזוי
צעווישן רויכן פון דורס ימח־שמו...
די וועלטשאַפט איבער לאַנדשאַפט וועט מיט איר פּײַן
דאָ זײַן אין יעדנס טראָט, זײַן אין אונדזער זײַן
בײַם פּאַרזיי, בײַם שניט, בײַם זאַמל און געמאָל —
ווײַל מיט טויטע ביינער איז נאָך פול דער טאָל...

און לאָזט אין קומער אונדז ווען איר פאָרט אַהין
באַזעטיקטע מיט זאַפט פון אונדזער גרין.
נעמט מיט דאָס גוטס, אונדזער פרײַנדלעכן געדענק,
נאָר אונדז, לאָזט זאָרגן אונדז אויפן געוועלק
וואָס קומט אָן מיטן ווינט פון די לענדער ווײַט —
פון די באָרג־אַראָפּן פון דער דולער צײַט.

ו. בײַם מאָנומענט

מיר זענען צוגעקומען צו אַ מאָנומענט פֿון אײַזן —
צוויי פֿליגל איבערגעקערטע און פֿאַרטרערטע,
לכּבֿוד זין די צוויי געפֿאַלענע אין ירושלים.

— וואָס זאָל דאָס זײַן, וואָס וויל דאָס באַווײַזן?
האָט ער געפֿרעגט מיט ווערטער קוים געהערטע.
כ׳האָב ענטפֿערן געפּרוּווט:
ס׳איז אַ געדעכעניש נאָך יונגן גוף
און אַ באַווײַז פֿון אַלט-נשמהדיק-געטרײַע...

נאָר ראַפּטאָם האָט ער געכאַפּט, דער פֿרעגער:
און וואָס מיט טרײַקייט יעדער רגע?
אין קריג איז נישט קיין וווּנדער,
דער שׂונא לאָזט נישט זײַן באַזונדער,
ער שפּאַרט צונויף אין אַנגסט די לײַבער
און צו מוט אין פֿײַער-גיין איז ער דער טרײַבער,
נאָר וואָס אין שלום-טעג איינער צו דעם צווייטן,
מיט מסירת-נפֿש ליבנדיק צו בלוטן —
יום-יום, אין געוויינטלעכע מינוטן?!

איבער אונדז האָט זון אירע גאָלדענע עליפּסן,
אויף הויכע פּאַלמעס, צווישן פֿייגלדיקע פּיפּסן,
אויסגעשפּונען אין חופּות בלעטער
און געמאָלט, געמאָלט אויף הימלישן פּאַלעטער.

אַרום-אַרום, ווי וועווריקעס, די קינדער
האָבן באַלעמלער געוואָרפֿן מיט געלעכטער.
נאָר ער, אין זון, ווי טאַפּנדיק אַ בלינדער
און מיט זײַן אמת — אַ זעעוודיק גערעכטער —
געפֿרעגט האָט:

וואָס מיט כּבֿוד פֿון די בנים?
צי ווייַזן קינדער כאָטש אַ ליכטיק פּנים
ווען בייַ טאַטעס ענדיקט זיך די גבֿורה
און יאָרן גייען מיד צו קבֿורה?

האָב איך געזוכט אַ תּשובֿה,
נישט געוואָלט קיין ליגן זאָגן
מייַן גאַסט, דעם נרו-יאיר, זכותו יגן.
נאָר ס׳האָט מייַן האַרץ געקלאַפּט
אין מאַטערדיקן נאָגן:

צי איז נישט בונד פֿון דורות אויך דאָ צעריסן
אין שפּע פֿעלדישער בייַ זאַטן ביסן?
ווי זאָל איך זאָגן פֿאַלשע עדות
אים, דעם ליכטיקסטן פֿון מייַנע זיידעס?

גאָר גיך האָט דער טאָג זיך אייַנגעבויגן,
אירע עליפּסן האָט די זון פֿאַרלענגערט,
קרום אַרייַנגעשפּיגלט מיט פֿייַערדיקע צווענגער;
נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן:
וואָס נאָך אַלע יאָרן?
וואָס נאָך אַלע וועגן?

נאָר דעמלט, ווי אַ צונד פֿון זון אין לעצטער רגע,
מייַן וויי צו מוט איז מורדיש אויפֿגעשטיגן,
מיט כּבֿוד — צו שטעלן זיך אַנטקעגן
און פֿאַר מייַן אמת ראַנגלען זיך און קריגן:

צי זאָגט דיר גאָרנישט, זמרדיקער זיידע,
די בראַנדיקייט וואָס אין מייַן ניגון
און די פּראָסטע מעשׂים פֿון אָט דער ייִדן-עדה?
אויב נישט ווי דו, פּונקט די זעלבע —

צי גאָרנישט שוין אין אונדז געפונען ?
מיר אַלע דאָ — צי זעמיר נישט אַנטרונען
פון עגל-הזהב, פון אַלע גאָלדנקעלבער,
כּדי ווי דו צו ריינער איינציקייט צו קומען ?...

צי נישט געוויַיבט פון אַלע טומלען און יאַרידן
און פאַרבליבן אין געצעלט דעם נר-תּמיד היטן ?
צי בין איך נישט אַ טרייַער זון פון ייִדן
מיט תּוך מיַינעם דעם אָנגעגליטן ?
צי נישט פון סנה די פיַיערצונדן
אין וועלט פון סדום און געצנדינער ?
צי איז דען א ח ד פון מיר פאַרשוווּנדן
אין מיַינע טיפן, אינער ?
דער בליץ אויף לוחות — איז ער דען פאַרלאָשן ?
צי נישט דאָס דונערדיק געבאָט טוט ברויזן
אין יעדן טאָגס פאַרוואָכיקט לשון
מיטן א נ כ י פון אַזוי פיל יאָרן טויזנט ? — —

און דווקא דעמלט, אין מיַין קעגנפרעגן,
האָט אויפגעלויכטן זיַין פּנים העל,
אַראָפּגעטרייסלט די פאַרב פון מאָך,
ווי כ׳וואָלט געהערט:
כ׳האָב נחת פון דיַין קעגנשטעל,
ס׳איז לויט מיַין שטייגער אויך דיַין תּוך
און אויך צו דיר געהערט
גאָטס וואָרט פאַרקריצט אין שטיין,
וויַיל א ח ד איז דיַין מיין — —

אין זיַינע אויגן און אויף מיַינע ליפּן
האָב איך דערזען אויף ס׳נייַ זיך קניפּן
נייַעם טרויער און אַלטן חלום
אין נישט-פאַרענטפערונג פון אייביק-פרעגן;

דאָ, אויף מײַנע פעלדיש-אָוונטיקע טאָלן,
אַ הימל אַ צעפלאַקערטן אַקעגן.
און בײַים תּחום פון טאָג, ווו אַלע טעג ווערן אַמאָלן,
האָט מײַן גרויסער גאַסט מיך אָפּגעזעגנט.

אַוועק, אַוועק דורך ערשטן-שטערן-טויער
צוריקצוקומען מיט זײַן נצחדיקן דויער.



נאָך דער בשורה

*

וואָס וועט דיר זאָגן די שורה פון אַ בוך
מיט דער מורמלעריַי פון לידערישע רייד,
אויב דיַינע הענט האָבן נישט מיט ווייַ ביז ברוך
געקלאַפּט אין שלעסער אויף טויערן פון פרייד;
אויב האָסט אין האָפענונג נישט דערהערט דעם פלוך
וואָס צעשמעטערט די חלומות אָן באַשייד,
און ס׳איז נישט אַדורך דיַין גוף דער קאַלטער סקרוך
ווי בייַ אַ גוסס בעת זיַין זון פאַרגייט —
וואָס וועט דיר זאָגן די שורה פון אַ בוך
מיט דער מורמלעריַי פון לידערישע רייד?

חבר פויגל

אַ פויגל שטעלט זיך אויפן נידעריקן דעבל
און ער קוקט אויף מיר אַזוי קומערדיק מיט שטוינונג.
ער רעדט מיט פליגעלעך מיט וווּנדיקע צעפּעכלט:
אָ, זע, זע נאָך אַלע פליִעכצן מײַן באַלוינונג,

קום, חבר — רוף איך אים מיט שטילסטע שעפּטשערײַען:
כ'האָב אויך נאָך מײַנע פליִעכצן דיר וואָס צו ווײַזן;
מײַן נשמה זע, אירע שמעלצנדיקע בלײַען
אויף קאַוואַדלע פון מײַן דורס רישעותדיקן אײַזן.

פון עץ-הדעת

א

צרעת פון עץ-הדעת שפרייט איצט דער ווינט
מיט די געבליִען,
און יעדער אין זײַן טרער דעם זאָמען איצט געפינט,
אַז אויך ער איז אַ גורל-קינד
צו טאַטע אָדם
אין וועלטס ווייענדיקע פריִען.

ס׳וועט קיינער נישט אַנטלויפן.
אויך דעם בן-סורר-מורה
קניפּט דער גורל צו זײַן געבוירער.

און אַלע גייען מיר נאָכן פאַרטרײַבן
מיט דער דערנערקרוין פון מוראס,
וואָס וועט שוין תּמיד בלײַבן,
מיט אומרו אין אונדז גײַסטן,
מיט וווּנדן אין אונדז לײַבן
אין יעדן דור, דורך אַלע דורות.

ס׳איז דער סוד פון געטלעכער פלאַזמע
וואָס האָט זיך פאַרפרוירן
אין מענטש קעגן בורא.

ס׳וועט זיך קיינער פון דעם נישט באַפרײַען.
מיר קאָנען נאָר שרײַען.

ב

אַפילו די שאָלעכץ פון עפּל — צו נישט.
דער וואָרעם פון וויסן האָט אַלצדינג צעשטערט.
און ביז איצטער פון לאַנג — די שלאַנג, דער געציש,
מיט אַנגסטיקע רינגען פאַרקלעמט זי די ערד.

נישט שטיין און נישט שטאָל זענען שטאַרקער פֿון איר.
דורך קעלערס און דעכער איר וויקל און שפּרונג.
אינעם נעאָן פֿון דער שטאָט ברענט איר קאָליר
און בײַ יעדער גראָז פֿלאַמט איר גיפֿטיקע צונג.

איז איינס נאָר פֿאַרבליבן אין אַלע קלעמען:
דער טרײַער געפֿאָך מיט ליבשאַפֿט צו ביידן,
צו אָדם וחוה באַנגיקע נעמען
אויף שלאַנגיקע שטעגן פֿונעם גן־ליידן.

איז איינס נאָר פֿאַרבליבן, פֿאַר זיי אַ געשאַנק:
בײַם ווערמיקן עפּל — דער יאָדער געזאַנג.

אויך ער

אויך ער אַליין,
דער האַר פון גרויס און קליין,
מײַסטער פונעם וועלטווערק —
נידעריק זעט ער די בערג
וואָס ער האָט געשטעלט
אין געלענדער פון דער גרויסער וועלט.

און דאָס זענען די כמאַרעס אויפן הימל —
זײַן מחשבה.
און דאָס זענען די ווינטן אויף דער ערד —
אומרו זײַנער,
ווײַל צו פרי געזאָגט: כּי טוב,
און ס׳זוכט בראשית זיך ביז סאַמע סוף.

און דו וואָס לויבסט די מעשׂים זײַנע
מיט תּמען שטוין:
ברוך ה׳ יום יום —
דו זעסט נישט ווי עס ברענט אין וועלטנרוים
זײַן צעפּלאַצטע קרוין.
ר׳האָט זי אַליין געשלײַדערט בײַ די פיס
פון זײַן אומענדלעכן פּאַרנעם.
ער — דער ריז
וואָס גאָט זײַן שם.

זײַן חרטה ברענט דאָרט ביז אַצינד
אויפן זאָג: כּי טוב.
דאָס איז זײַן זינד,
גרויס ווי די געטלעכקייט — אָין סוף.

איינער בײַם ים

אַזאַ איינער אַליין דער נע-ונדער,
פֿרעמד, אומבאַקאַנט צו דעם לוסטיק געזעמל.
זײַן שאָטן אויף זאַמד — מיט פֿאַרבן פֿון פֿײַער,
ווי אין מידבר אַ פֿאַרלוירענער קעמל.

זײַן היים איצט דער ים, ער זוכט דאָרט זײַן חלום
נאָר וועגן די אַלע ווו נישט דערקומען.
צו וועמען אַצינד נאָך הייבן די אויגן
נאָך אַלע בלוטיק-פֿאַרגאַנגענע זונען?

אפֿשר אין כוואַליקן אויפֿשוים פֿאַראַן נאָך
דער סוד פֿון זײַנע פֿאַרזיגלטע יאָרן,
ווען ער האָט געאָטעמט געטלעכע ווערטער
מיט טעם פֿון פֿלאַם אויף סנהיִשן דאָרן?

אפֿשר דער געטלעכער אָטעם נאָך נעסטיקט
אין די צעשוימיקטע ברויזן דערינען?
אפֿשר דאָס הייליקע וואָרט נאָך געדענקען
די פֿייגל בײַם פֿעלדז, אין ים די דעלפֿינען?

זייערע פֿליגל און זייערע שופּן
ווי שמות אַצינד צונטערדיק ברענען.
נאָר זיי, זיי אַליין אין שפּרונג און געפֿלאַטער,
זײַן פֿלאַם און זײַן שאָטן איצטער דערקענען.

זייער ברום און געזאַנג איז איצט אויך זײַן תּפֿילה,
און נאָר זיי אַליין זײַנע לעצטע געטרײַע.
די פֿייגל בײַם פֿעלדז, אין ים די דעלפֿינען —
זיי זינגען און ברומען דעם שם-הוויה.

אין שווערן פּרוּוו

די נאַכט וואַרט שוין ווידער אין טיר
צו זען וואָס מיך וועט באַוועלטן:
די פינצטער, די מורא פאַר איר,
צי גאָר די שיינקייט פון וועלטן.

דער שטערן-אַזאַרט אַלץ ווידער
צו מיר טוט לאָקערדיק ווינקען.
נאָר אויך אין אויפשייַן — כ׳זע נידער
דאָס לעשן און דאָס פאַרזינקען.

טאָ וועמען שענקען די בכורה,
ווער פון זיי האָפּטיקער, גרעסער
און ווי צעשיידן זיי ביידע?

די שיינקייט בליצט אין דער מורא
ווי ייִנגל נעבן דעם מעסער
אין שווערן פּרוּוו פון עקדה.

נאַכט אין פעלד

אַוועק דער טאָג דער זאַנגענער,
לעצטער אָנהאַלט אַקעגן הפקר-ווינט.
זײַן לעצטער שטראַל, נאָך נישט-פאַרגאַנגענער,
ווי אַ פאַריתומט קינד
באַהאַלט זיך שעמעוודיק, אָן-נעמענדיק,
ווי טאַטע-מאַמע קיין מאָל נישט געהאַט;
עלנט קעגן חשכות, איינציק אין פאַראַט.

און גיך פאַלט צו די נאַכט.
נישט געשלאָפן, נישט געדאַכט.
אַ פויגל שרײַט,
כריפּיק ווי די צײַט.
מײַן ברודער אין פעלד איז ער,
איך דערקען זײַן שטים.
נאָר אויך מײַנע פליגל זענען שווער
און ווי העלפן אים?

ווי לאַנג דען ווי כ'האָב געפרייט
דאָ, אויף דורכגעזונטער בייט,
מיט אַלע בוימיקע,
מיט אַלע טרוימיקע,
אני-מאמינדיק-געזאַנגענע?

און איצט איז נאַכט,
ס'האָט וועלט מײַן פעלד
מיט אַזוי פיל פלויטן אַרומגעשטעלט,
און איך, אַ וואַכער, טראַכט
פון דור, מײַן דור אויף די רויִנען:
וועט ער נאָך ווען זײַן גאָט
און זיך אַליין געפינען?

בין איך דען איינער נישט ווי זיי,
פון די פאַרלאָזטע אָרעמאַנען? —
איינער אַזאַ מינדסטער
וואָס זוכט דאָ אין דער פינצטער
פון פילגערס די פאַרלוירענע
די לעצטע שפּאַנען.

אין פענצטער ווינטיקט,
מײַן קאָפּ זיך בייגט צו חשבונתדיקער ווײַט,
און אין פעלד — דער פויגל שרײַט.

בלעטערפֿאַל פֿון פֿרײַנדשאַפֿט

כ'האָב געוואָלט זאָגן: בלעטערפֿאַל,
בלעטערפֿאַל פֿון פֿרײַנדשאַפֿט —
זענען אָנגעקומען בלעטער מיט אַ טענה:
גלײַך אונדז נישט צו דײַנע;
זע ווי מיר זיך שפּרייטן
איינער בײַ דעם צווייטן,
איינזאַמע צוזאַמען
אויך אין וויאַנען,
טאָ גלײַך נישט דײַניקע צום בלאַט.
אונדזער פֿאַל איז נישט פֿאַרראַט.

האָב איך דעם זאָג פֿון זיך פֿאַרטריבן,
אויך אַן אַנדער נישט געפֿונען.
און גאַנצע טעג די זיבן
איז קיינער נישט געקומען — —
זענען אַלע פֿרײַנד פֿאַר מיר פֿאַרבליבן
נאָר בילדער אין אַלבומען.
מיש איך רעכטס און מיש איך לינקס —
נאָך אַ ספֿינקס און נאָך אַ ספֿינקס,
ביז איך פֿאַרמאַך.

און איך הער דעם בלעטערפֿאַל
פֿון ביידע זײַטן שליאַך.

אויף אין דאָרף

אויף אין דאָרף
פֿאַרשווינדט דער שטילער שאָרך,
דאָס גאָלדענע רענדל פֿון דער וועלט.

אַ באָרוועסער יונג מוסרט מיך אויס:
וואָס איז דײַן לידשפּיל אין זײַט?
ביסט דאָ צווישן אונדז
און ביסט פֿרעמד און ביסט ווײַט.

גוט, וואָס אַ פֿויגל נאָך קומט
מיט זײַן ווינטיקער וווּנד
און בויט אויף מײַן דעכל אַ נעסט.
אין זײַן מידקייט דער שפּור
פֿון לעצטן טרובאַדור,
סאַמע לעצט.

אַ בינטל קערנער וואַרף איך אים צו
און ווינטש אים רו
פּאַזע מײַן שויב.

לויב צום איינזאַמען פֿויגל, לויב.

אין געהיימפעלד

אי ווייץ אי קראָפּעווע אויף דנאָ נשמה,
אַזאַ צווײ־געוויקס פּאַרקאַלטנט אין איינעם.
די באָטאַניקער ווייסן נישט זײַן נאָמען,
פון די טיפן שפּאַרט ער אין פעלד געהיימען.

נישט קיין אַקער פּאַר אים געגרייט דעם באָדן,
נישט קיין גראַבליע אויסגעגלעט זײַן זריעה.
מיט בליצלויף איז זײַן קערן אָנגעלאָדן
ווי די ראיה אין זײַן זייערס וויִע.

אַז ווער זעט דעם קערן מיט זײַנע טרערן
אין גרויסן שניט אויף די באַזונטע פליינען?

נייג דײַן אויער צו דער ערד — וועסטו הערן
ווי אַלע וועלטן אין איין קערן וויינען.

אין לופּט פון מאַרמאָר

ווו די פרײידן פון חופּות און ליבשאַפט
און אויף לוויות אַוווּ דאָס געוויין ?
מיט די מאַסקעס פון קאַלטער געניטשאַפט
שטאַרן די פּנימער איצטער ווי שטיין.

סאַראַ קלוגשאַפט אין דעם — איך וויל וויסן —
אַזוי קאַלט און אַזוי פרעמדלעך צו זײַן ?
ווי אויף קברים אָן קריעה געריסן
און אויף די שׂימחות ווי ניכטער נאָך ווײַן ?

ווי פאַרמומיעט די מענטשן-גראַניטער
הינטער די פאַנצערס פון שוויַיגיקער קעלט !
ס'איז מײַן אומרו, מײַן זאָרגיקער ציטער,
אַז אָט אַזוי ווערט צענישטיקט די וועלט.

צי דען וואַרפט איר נישט פענטן אויף פליגל
ווו נאָר אַ שוואַלב פרוווט באַרירן די שויב ?
אָט אַזוי פרעסט דער שׂטן זײַן זיגל
אויף די שענסטע חלומות אַרויף.

פאַרוואָר, איך בין הײַנט דאָרשטיק צו טרערן
און אויף שׂימחות — צו אַ בעכער פול-פיל ;
אַ געוויין אויף לוויות צו הערן,
גלײַך ווי געזאַנגען אויף שׂימחות איך וויל.

און אַז הייסער אונדז מענטשן זאָל ווערן
אין מזל ליבן-און-שטאַרבן צוגלײַך.
פאַרוואָר, איך וויל די מאַסקעס צעשערן
און ס'זאָל פלאַצן דאָס אײַז אויפן טײַך.

אויף מײַן שוועל

ווו דאָס שוועלבל אויף דער שוועל?
איך זע נאָר פליגעלער צעריסן.
די קאַץ מיט גרינע אויגן
נישטערט אין איר ביסן.
מיט פעדערלער שפּילט זיך דער ווינט,
נאָר ציינער קריצן אין מײַן אויער.
דעם גוט אין מאָרגן זוך איך אַצינד
צווישן טרויער און באַדויער.

מײַן שוועל באַפלעקט,
און אויך זי, די ווײַסע רויז,
מער נישט ווײַס איז.
ס׳איז אויך דער גוטער מיאַו אַוועק
פון די קינדער-מעשׂיות.
געווען אַמאָל, אַנטלאָפן, זיך פאַרבאָרגן.
וונדן טריפן אין פרימאָרגן.

די נאַכט וועט הײַנט אָנקומען פריִער,
נאָך איידער טאָג וועט זיך צום הימל בוקן.
אָ, נישט קיין שטערן, נעגל וועט מען ווײַזן
און פאַרצוקן.

שוין מײַן אינדערפרי זיך כמאַרעט
און איך זוך אַ פאָדעם ליכט אַ ריינעם.
די זון! די זון! — ווו איז איר קלאָרע מראה?
אַלע קינדער-מעשׂיות וויינען.

צום שכן

פון שוועל צו שוועל אַ שטעג פון טרערן
און איך ווי דו — מיט טרוים און בראָכן,
דער זעלבער שטעג פון איין באַשערן —
אונדז געזונקענע מלאכים.

פאַר וואָס זשע איז דײַן טיר פאַרשלאָסן?
אַז וואָס ווילסטו פאַר מיר פאַרבאָרגן?
איך בין ווי דו די הימלענס יתום
און איך וויל הערן דײַן גוט-מאָרגן.

בײַ שטומע פידלען

שטום אַלע פידלען מײַיאָווע.
כ׳הער נאָר דעם ברום פון דער סאָווע.
זי מיט איר אוי איז געררעכטער.

ווי זי האָב איך נישט קיין שמייכל
פאַר לײַט פון גאָלדענעם היכל
בײַם שוים פון ווײַן און געלעכטער.

און כ׳וועל ווי סאָווע די איינע
פרעסן די ליפּן צו שטיינער,
תהומיק די הימלען צעברומען ;

אין קלעם פון אייגענעם עיגול
רײַסן די וווּנדיקע פליגל
צו נישט געזעענע זונען.

פֿאַרלוירן

פֿאַרלוירן, זײ פֿאַרלוירן אין געװימל —
די לעצטע אײדללײַט, די זין פֿון הימל.

די ליכטער פֿון דער ערד, די ענוו־גראָזן —
כ׳האָב פֿאַרלוירן זײ אין דער צײַטס חיפּזון.

און װי אַלײנזײַן, גאַנץ אויף זײַטיק שטעגל
װען אויך אין מײַן האַרץ דעם דורס װילדע נעגל?

אַטאָמען בלאָזן פֿון די שטומע רוימען.
װוּ זענען זײ, גאָטס אײדעלע אביונים?

אַ מתּנה

וואָס הײַנט ברענגען דיר, ליכטיק ייִנגעלע,
פֿון גראָען זיידע אַ מתּנה?
אפֿשר אַ מלאכל אַ זילבערנס
וואָס פּוצט מיט פֿליגל די לבֿנה?

אַז ווי און ווו וועל איך עס געפֿינען?
אַלע שוּיפֿענצטער באַשויט אומזיסט.
בלויז צוויי פֿליגעלער האָב איך געזען דאָרט
באַזונדער, אין צעפּאַל, אין צעריס.

פֿון נעבן זיי דאָרט האָט רויט געפֿײַערט
אַ ראַקעטע מיט צעבלאַנקטן שפּיץ,
מיט די הילך-געררוישן פֿון אַ דונער
און מיט שפּרונג און שווּנג פֿון אַ בליץ.

וועל איך הײַנט צוריק אַהיים זיך קערן
מיט לערע הענט און מיט ליפּן צו.
כ׳האָב נאָר געברענגט פֿאַר דיר, גוט ייִנגעלע,
צו דײַן שלאָף אַ חלום — איַי ליו ליו.

די ריטמען פון דופק

דאָס נעדעלע דופק ציילט נישט נאָר די שטילע סעקונדן,
די װוּנדערס פון נאַכטן און פרײַען.
פון בונטן, געראַנגלען און װוּנדן
איז עס מודיע:
היט דײַן שװעל
פאַר די נעצן און געצן פון טעכנאָ-באַרבאַרן.
זיי קומען מיט אָפענעם שטאָך אונטער לאָקער-געגנאַרן —
און װער עס װיל נישט פאַרראַטן זײַן חלום
בײַם גאָלדגײַציקן צי פון מאַגנעטישע שטאָלן
לױפיק, אַרױפיק —
זאָל הערן װי עס ריטעמט בונטיק און װוּנדיק
בײַם קריגפעלד פון האַרץ
דאָס דײַנע נעדעלע דופק.

*

ניין און ניין! דו זאָלסט נישט פאַרקלאַמערן
אין דיַינע תּחומען מיַין געדאַנק.
נישט פאַר מיר דיַינע ענגע קאַמערן
אָן בלאָנדזשעניש און אָן געזאַנג.

מיט ווונק פון בשׂורה בין איך געקומען —
און וואָס, אויב ס'שרעקט מיך דער פאַרגאַנג?
כ'וועל תּמיד דאַנקען דעם קוואַל און ברונעם,
נאָר דאַרשט וועט בליַיבן מיַין געטראַנק.

די ראָזשינקע

דאָס איז מײַן ייִדן-װײַן
מיט דער העזה-ראָזשינקע פֿון אײביקן באַשאַף.
תּמיד ע ר ב — רײַסט זי שפּונטן,
צינדט זי בונטן
אונטער יעדן פּאַראַגראַף.

װאָס טעאָרעטיקער, דו הערמעטיקער
מיטן גראָד-אַזוי פֿון מות-צוים?
תּמיד ע ר ב — אַ נישט-זעטיקער
יאָג איך שטערן אינעם רוים.

װאָס דײַן בײזערן, װאָס דײַן װאָרענען
און דײַן טײַטלען: װאַגאַבונד?
אין מיר װעט שוימען, אײביק יאָרענען
אָט די ראָזשינקע פֿון ליד און בונט.

נישט פֿון פֿעסער, נישט פֿון קעלטער.
גלײַך פֿון װײַנשטאָק — װינט און זון.
אויך אין מידקייט, אין מײַן עלטער
טראָגן פּיס דעם אומעטום.

תּמיד יוירן און געבוירן
לידער מיט באַנײַטן טראַף.
ס'איז די ראָזשינקע אין מײַן ייִדן-װײַן:
תּמיד ע ר ב — אײביקער באַשאַף.

אחד

זאָגסט א ח ד — אַ ציפּער איינס
מיט תּפילה-ציטער פון אַ האַרץ אַ ריינס —
און אַזוי פיל אין דעם באַהאַלטן!
די פּאַנאָראַמע שטערן,
דער סוד פון זייַן און ווערן,
און מיליאָנען פּנימער אין א ח ד
זיך געשטאַלטן.

נאָר אויב אין אייַליקייט זאָגסטו אַרויס
דעם ציפּער גרויס:
מ י ל י אָ נ ע ן —
פאַרשווינדט צוגלייַך דייַן אייגן פּנים;
פאַרלירסט אין גרויסן שטח דייַן שפּור און סימן
און בלייַבסט אַליין
אָן זיך אַליין
אין אַ וועלט אַן אַנאָנימע.

חבר הימלפלי

זאָג מיר, צי האָט אויך אַ נאָמען
יעדער אַטאָם פון אַטאָמען,
צי בלוט און מאַרכן אויך רינען
אין די אַטאָמישע שפּינען
און צי אין זייערע וועבן
הערסטו אויך אָטעמען לעבן.

*

מאַגנעטן און רעדער אין שנעלסטן געדריי
און אַלע ווײַזערס שוין האָבן באַוויזן,
אַז דעם הויכן הימל באַוווינען שוין זיי,
דער ערדס מלאכים, די שוועביקע ריזן —
און איצט דערצייל: וואָס זעסטו דאָרט העכער
איבער די בערג פון לבנה-גראַניט?

— גאָר-גאָרנישט איך זע, איך הער נאָר דעם עכאָ
פון וועלטן נאָך ווײַטער — צו קליין מײַנע טריט!

— איז ווי לאַנג נאָך וועסטו בלאָנדזשען אין רוימען
און זײַן אַ מרגל אינעם אוניווערס?

— ווי לאַנג דו וועסט זוכן אָטעם אין דומם
און שטאַמלען צו גאָט מיט אַ געטלעכן פערז,

— איז מיינסטו, אַז אויך איך בין איינער אין ראָד
און אויך מײַן ליד איז פונק און שטראָם פון מאַגנעט?

— יאָ, דער זעלביקער דלאָט אין הייל פון סוד,
בײַם זוכן דעם שטערן וואָס האָט ווען און וועט;
אויך איך גלײַך מיט דיר זוך שפּורן פון גאָט —
זאָגט הימלפלי צו דעם חבר פּאָעט.

*

אַ שוועב פון שוועבל, אָט קערט ער זיך אום
פונעם הויכן שפּאַציר מיט זײַן ראַבאָט,
און ער פרעגט בײַ זיך און בײַ דעם אַרום:
ווּ איז דען ווײַטער און נעענטער צו גאָט?

און וואָס אין הייכן אַנדערש ווי דאָ?
וואָס אין אַשיקן קיזל אַנטפּלעקט?
האָט ווער געפונען אַ בלאָערן בלאָ
ווי דאָ ווען מען רוקט דעם פאַרהאַנג אַוועק?

אין זיך אַרײַן טיף באַהאַלט ער זײַן בליק
ביים גלאָץ פון פרעמדן לבנהשן שטיין:
וואָס בריענגסטו דען דו, דו קאַלטער אַנטיק,
צו די פיר ווינקלען פון מענטשן-געוויין?

אַזוי שטאַר שווײַגט דער ראַבאָטישער ספינקס
נאָכן אומקער פונעם הויכן געוועט,
ווען דער פאַרהאַנג אויף שויב — רעכטס און לינקס,
און מענטשלעכע אויגן בליקן ווּ העט...

ווּ נעפּלען צעגייען פלאַטערדיק גרינג,
ווּ אַ שטערן באַטרעט די בערג מיט סוד,
אין פענצטער באַווײַזט זיך לבנהשער רינג
ווי איבער דערפער און שטעט אַן אויג פון גאָט.

און ס׳אָטעמט די ערד צום שוימיקן ים
און ווידער חלומט אַ מענטש אויף זײַן בעט.
גלאָצט דער ראַבאָט, דער שטאָלענער תּם — —
ס׳איז ווידער די שעה פאַר ליד און פּאָעט.

אין שעמעוודיקן כּתב

אין שעמעוודיקן כּתב פון די לידער
אַזאַ פּינקלעניש סודותדיק פרעמדע!
ס׳איז פון איר, פון דער שירה-נגידה
אַ דימענט מיט דער שײַן פון לעגענדע.

אויף די מערק וועט אים קיינער נישט אַרבן.
לאַנג פאַרגעסן, אין אומוווערט אַלץ מינדער.
נאָר עס וועלן ביז אייביק גאָטס פאַרבן
אין אַ וועלט אין אַ דוממדיק בלינדער

שוין נישט קיין מאָל אין איר זיך פאַרטושן
און שײַנען דורך די לידערשע כּתבן
מיט די זאַפטן פון וויגלשע קושן
ווען עס רופן די הימלען: קום דאַוון!

און עס וועט ווען ווי כּתבן זיך שעמען
מיט אַ הימנישער שטאָלצקייט זיך הערן
ווי דער שירה-נגידהס צוויי ברעמען
צאַפּלען אויף אין באַריר פון די שטערן.

און אַ דומם-וועלט גולם-געלויפיק
וועט נאָך זוכן די וויגלשע קושן
אין די ריטמען די שטילסטע פון דופק
מיט תּחית המתים פון חושים.

אין וואַרטונג

דעם דוריס שקיעה קאַרבט זיך אין יעדנס פּנים
מיט אַ לעצטן זונשטראַל וואָס קוים פאַרבליבן.
די בשׂורות ווײנען פון פאַרשוועכטע פּאָנעז,
און איעדער נביא איז איצט פאַרטריבן.

און אַלץ וואָס שטערנט, הינטער וואָלקנס וואַקלט,
ווײַל די אויגן הייבט נישט קיינער אויף אַצינד.
דער דור בייגט איַין זײַן קאָפּ מיט אַ סך-הכּל
ווי ס׳וואָלט זײַן האָפענונג געווען אַ זינד.

און דאָך, אין קלעם, אין נאַכטן אַלץ געדיכטער —
מײַן רחמים צו דעם שטערן וואָס איינזאַם גליט.
אַ ברעקל גלייביקייט היט נאָך דער דיכטער
מיט הונגער-אייפער פון ווייענדיקן ליד.

און אין דער נאַכט — איך הייב נאָך מײַנע אויגן
מיט וואַרטונג אויף אַ נס, כאָטש איך ווייס נישט ווי —
ס׳זאָל אָנפליִען פון ערגעצן אַ פויגל
מיט אַ זינגיקייט פון שפּרודלדיקן פרי.

דאָס איז אַ הונגערן צו העלן וווּנדער
מיט פינגער קלאַפּנדיק אויף דעם האַרטסטן שלאָס —
דורכצושפּרײַזן דעם דאָזיקן יאָרהונדערט
און אָנהייבן אַ נײַעם מיט נײַעם אות.



אין שפּיגלען פון
שטעט

אין קאָרידאָרן

דורך וויפל קאָרידאָרן, אַט אַזעלכע,
מיט ליכט סטערילן און בליקן — שׂינאה,
מוז איך אַלץ גיין און גיין, צו געפינען
עפּעס וואָס פאַר מײַן ליביקן באַגערן,
מיט אַ לעצטער גלייביקייט אין זינען,
אַז אפשר ווו שײַנט דאָך אַ שטערן?

מיט וויפל דוממדיקע מענטשן דאַרף איך זיך טרעפן
און אויף וויפל האַרטע טירן קלאַפּן: עפן,
כּדי צו פאַנגען רעשטן פון אַ שמייכל —
גאָטס אַ ווונק פון חרובדיקן היכל?

איך בין מיד, מיד פון דיר, מײַן דור,
פון אַלע דײַנע גענג און פאַלן.
און ס'איז די תּפילה מײַנע פון גאָר ביז גאָר:
אַז ווו נאָר סדום — זאָל זי צעפאַלן!

שטעט

די שטעט וואָס איך האָב געזען
מיט באַלקאָנען, נעאָנען, גאָרן אויף גאָרן,
קלעטערן אַלץ נאָך אין מײַן זכּרון
און בלײַבן נידעריק און קליין
לויט מײַנע מאָסן פֿון גוט און שיין.

איך פֿרעג:
ווּ אַ שטוב וואַרעם-היימיש
אַז איך זאָל אַהין זיך וועלן אומקערן —
ווּ מען זאָל מיך נישט בעטן: „בלײַב, גיי נישט"
אויף פֿלומרשט, מיט גלעזערנע טרערן...

באַלקאָנען, נעאָנען, גאָרן אויף גאָרן —
כ'בין דאָרט נישט דערגאַנגען, כ'בין דאָרט נישט דערפֿאָרן,
און אַז געקומען — נישט איין מאָל געפֿונען
אַ מומיע אין טיר, דאָס הויז ווי אַן אָרון.

און כ'האָב געזען גאַסן בײַ סוף קאַרנאַוואַל
מיט מענטשן אויף ברוקן אין האַרבסטיקן פֿאַל,
ווי עס פּלאַצן אויף זיי די לעצטע באַלאָנען
בײַ ליידיקע גאַסן, אונטער בלאַסע נעאָנען,
נאָך אַ גאַנצן מעת-לעת פֿון פֿאַרביקן טאַנץ — —

זאָג איך מיר ווידער: הנני העָני
נאָך אַלע יאַריד-שטעט אין מײַן בילאַנס.

איך זע דיך, לאָנדאָן

איך זע דיך, לאָנדאָן, מיט נעפּלען אויף דײַן אָרעם,
מיט קומערן פאַרהילטע אין האַרבסט-געלויער,
ווי קרוינען גאָלדענע אין דײַן פורעם-פּאָרעם
שמעלצן און פאַרלירן זייער האַפט און דויער.

איך זע דיך, לאָנדאָן, ווי דײַן פאַרמעג ווערט אָרעם
אין די מוזייען-ברייטן און באַנקן-שפע.
אויף אַ לעבעדיקע שטאָט קאָן ווערן קברים,
איר גאָלד און קרוין צענישטן אויף עפר-אפר.

דאָ, בײַ דײַן מאַכט און אַלוויסיקייט מײַן זאָרגן.
איך, נישטל-אָרעמאַן, מיט אומרו פרעג און וואָרן:
וואָס האָסטו אָפּגעשפּאָרט פאַר דײַן ווײַטן מאָרגן
נאָך גרויסער מאַכטיקייט פון אַזוי פיל יאָרן?

זאָגט מיר, פּראָפעסאָרן, זאָגט מיר, אַדמיראַלן,
איר געזאַלבטע פון קאַטעדרעס און פון פּלאַטן:
איז דען ווען פון אײַך אַן אַנגסט אַ מאָל באַפאַלן
ווען נאַכט שאַרפט מעסערס אויף פינצטערניש און שאָטן?

באַלאַדן שרײַבט די נאַכט דאָ אויף אַלע ראָגן,
בײַם ליכטיקן געפלייץ, אין קלימפּערן פון דזשעז,
נאָר דאָס וואָרט פון וואָרענונג ווער וועט דאָ זאָגן
און אַנטפּלעקן אין די נעפּלען אַ בלום פון נס?

נישט געזען שטיי איך דאָ בײַ דײַנע מויערן,
ווי אַ מילבל אין דעם יאַרידיקן מישמאַש.
דאָך שרײַ איך, שטאָט, אין דײַנע האַרטע אויערן:
אויף פּאַלאַצן קאָנען ווערן שטויב און אַש!

אַ שאַך-שפּיל בײַם פּאַראַד

די מלכּה! די מלכּה!
אָט שײַנט זי אַראָפּ בײַם הויכן געזימס.
איין רגע — איר פּאַוועשער בליק
און באַלד אַלע פאַרבן באַהאַלטן צוריק.

אַ ליכטיק געפינס,
אַ גאָלדן געווינס.
דער מאָלער האָט גיך
איר און זיך
פאַרציקלט, פאַרוויקלט
מיט איין לײַכטן שטריך.

און באַלד האָט די וואַך אים פאַרשטעלט
מיט לייבן-פּאַפּאַכעס:
ווער ביסטו, נע-ונד,
אין מלכות-פּאַראַד
מיט דײַנע שטופּלען און לאַכעס?
געגלאַנצט האָט די שפּיז, געפּאָכעט די רוט
מיט די באַפעלן פון מאַרש און סאַלוט.

הין און קריק האָט געשפּרײַזט בײַם פּאַלאַץ די וואַך,
די גוואַרדיע מיט שטאָלץ האָט געריטן.
בײַ מלכּה די פערד — ווי אַ שפּילברעט פון שאַך,
פיגורן זיך האָבן געביטן...

בדמיון האָב איך אין שאַכשפּיל גערוקט
דאָס היציקע פערד און דעם מידן סאָלדאַט.
כ'האָב „שאַך געפרעגט" און ס'האָט מײַן האַנט געצוקט
צו געבן דעם גאַנצן מלכות „מאַט"...

מיט דאָקטער דוליטל

גוט מיר איצט ווי אין ווייבער וואָל אַ שפּוליע טאָן
מיט רחמים-פּעדעם אין קנוילעניש פון שינאה;
ווידער דערציילן וועגן דאָקטער דוליטל,
אָן אַלטע מעשׂה מיט אַ ליסינע.

ווי פון ליבשאַפט, נאָכן לאַנגווייַל פון אַ שטודיום,
איז ער דער כּישוף פאַר בעלי-חי געוואָרן;
ווי ער האָט דערקענט די שווערע קרענק פון נודיום
בייַ זיי די אויסדערוויילטע, די פּראָפעסאָרן.

און ווי פון לאָרדן ער איז געלאָפן ראַפּטאָם,
ווי נאָר דערזען זייער פרירנדיקע מינע;
געלאָפן אָן עלנט הינטעלע אַ כאַפּ טאָן
מיט רחמים-באַלזאַם אויף צען פינגער דינע.

וואָס אים דער פּאַדיום, די דרשות און דער זיגל?
די שטאַרע רומוואַרג מיט טאָגע און צילינדער?
מיט שמייכל האָט אים באַגעגנט דאָס געפליגל
און אים געטוליעט האָבן שאָף און רינדער.

ביז זיך פאַרברידערט ווי איינער פון געזעמל
מיט זייַן פּעלצל און די קרויזיקע טשופּרינע.
געגלעט די האָרבן האָט ער פון קראַנקן קעמל
אויך אים, דעם מידבר-עקשן צו געווינען.

אויך אַ מויז האָט ער אין גוססן אָטחיהעט:
וואָסי, וואָסי, זי איז נישט פון גאָט אַ בריה?
און אָט אַזוי פאַרחברט די גאַנצע סטייַע,
וועוויריקעס און הענער און באָק און זשמיָע.

און ס׳איז די דאַנקשאַפט אַלץ מער און מער געוואַקסן
פון יעדער קראַנקשאַפט צו זײַן רחמימדיקער האַנט.
ס׳האָבן שוועלבלעך זיך געשטעלט אויף זײַנע אַקסל,
מיט פליגלריס געפּאַכעט צום הימלראַנד...

איז גוט עס זיך דערציילן, דערבײַ אויך טראַכטן,
אַז אויך מײַנע פליגל ווי בײַ די בעלי-חי,
דאָ, אין פּאַרנער שטאָט, בײַ נאַכט אין שווערן נאַכטן,
ווי שינאהס ברויזן בײַם אָפּגרונט פון געשריי.

זע, שוועלבלעך קומען נאָך צו מיר אין אָט דער שטאָט
בײַ פרעמדע פײַערן און דזשעז צעהוליעטן.
מיט זיי אין ווונדיקייט פון זינגיקן גענאָד
וועל איך דערמאָנען דעם דאָקטער דוליטל.

שפּעט נאַכט אין אַ מעטראָ

די אַקאָרדן פון טאָג — אַ געוויין,
אַ פרוי, דאָ אין מעטראָ, וויינט ביטער.
מיר זעמיר דאָ דריַי, יעדער אַליין —
די פרוי, אַ נעגער, איך — דער דריטער.

אָט בין איך פון גאַסן אַנטלאָפן
און געפּרוּווט אין מעטראָ פאַרדרימלען.
ליו-ליו-ליו מיט אויגן האַלב-אָפן
צו אַנדערע וועגן און הימלען.

צו ריחות פון גרינע ציטרינען
אויף צווייַגעלער יונגע, דין-דינע,
צום זשומען פון זינגיקע בינען
אויף זייַדענע וועבן פון שפינען...

נאָר מיך וועקן פון חלום ציק-צאַקן
אין מעטראָשן לויף דעם געהיימען.
כ׳זע די פרוי מיט טרערן אויף באַקן —
פאַר וועמען און וואָס טוט זי וויינען?

אַלע דריַי — יעדער פרעמד אויף זייַן באַנק
און ווי גאָר געגנענען און פרעגן?
נאָר מיט אומרו בייַסט מיך מייַן געדאַנק,
אַז כ׳שטיי אין נסיון די רגע.

אַז איך, מיט מייַן העפלעכקייט קאַלטע,
וויל גאָר איר געוויין איצט נישט הערן,
אַז כ׳האָב זיך אין מאַנטל באַהאַלטן
מיט בינען, ציטרינען און שטערן.

כ׳הער די שטראָף: האָסט נישט ליבשאַפט געגנוג
צו זען זיך אין ווייטיק געאייניקט
און געגנענען צו דער פרוי פון ברוק
מיט אַ וואָרט וואָס טרייסט און אויך רייניקט...

זע, גאָר אַנדערש ווי איך הייבט זיך אויף
דער נעגער און גייט צו איר ווינקל.
די פרעמדקייט צווישן צוויי איצט אַנטלויפט,
זייַן טרער אין איר טרער זיך צעפינקלט.

ס׳ווייַנט מיט איר דער פרעמד-בראָנדזענער מאַן,
איבער איר אַריבערגעבויגן.
טראַכט איך, אַז גוט וואָס נאָך ווי פּאַראַן
אַזאַ שוואַרצער מיט קלאָרע אויגן.

אָט די פרעמדע, צוויי אומבאַקאַנטע,
וואָס נאָר מענטש איז זייער ביידנס נאָמען...
און איך, אייַנגעווּרעט אין מאַנטל —
כ׳פיל איצט אין פאַרשעמונג תּהומען!

סיגנאַל-שרייַ אויף סטאַציע דער לעצטער.
מיר גייען זיך אַלע פונאַנדער.
זיי צוויי ווי פאַרברודערט, פאַרשוועסטערט,
נאָר איך אַזוי פרעמד און גאָר אַנדער.

די סען זעט אונדז שפּאַנען באַזונדער
צו מערב, צו צפון, צו דרום.
נאָך מיר גייען שאָטנס איצט הונדערט,
ווי בין איך אַצינדער פאַראָרעמט!

יעדנס שאָטן צו אַן אַנדער גאַס,
נאָר מייַן שאָטן לענגער ווי יעדער.
און אירע אויגן באַגלייטן מיט האַס
אי מיך אי מייַן לידערשע פעדער.

אין פּאָרט פון אַנטווערפּן

אַזוי זיצן זיי מיט קעצלער בײַ די פענצטער
אין רויטער לאָמפּנשײַן ווי אָנגעצונדן גראָז.
אַיעדע טראַכט און ווינקט: דאָס בין איך די שענסטע
און צו מיר וועט קומען דער מוטיקסטער מאַטראָס.

אויף „פעליקאַן" איז נאַכט. שלאָס אויף די בריליאַנטן.
נאָר איינע חלומט נאָך: פאַר איר איז אַלץ דאָרט גרייט.
גלײַך פון שיף אַראָפּ וועט ער צו איר אַ שפּאַן טאָן
און שענסטע צירונג וועט ער ברענגען איר צו פרייד.

ס'טראָגט דער ים צום געסל זײַנע שאַרפע ברומען.
קאַלטע שטערן זאָגן אַז אַלע שוין אַוועק.
— צי וועט מײַן ליבער שוין קיין מאָל דאָ נישט קומען?
ווער האָט אים געפאַנגען? אויף וועלכן ווײַטן ברעג?

די קאַץ זשמורעט בלינדיק — וואָס זשע נאָך צו וואַרטן?
אַ רויבעריונג שוין וואַקלט, ער וועט זײַן דײַן גאַסט.
זאָג אַ גוטע נאַכט דעם לעצטן שטערן צאַרטן
וואָס פאַלט דאָרט אויפן שפּיץ פון זינקענדיקן מאַסט.

מיט אַ פאַלשן, ראָזן ליכט וועט באַלד טאָג זיך קריינען,
נאָר דיך וועט ער פאַרגעסן אין געסלעך פון געוויין.
אויך דער כּומר איז בערייט דיך צו פאַרשטיינען
און די נאָנע שטשירעט מיט קללות אירע ציין.

בלויז זיי, די מעוועס, בלויז זיי מיט גוטסקייט דווקא
טראָגן דיר אין ים-ווינט אַ טרער און אויך אַ גלעט.
און ווי דײַן קאַץ, מיט נעגל אין ווייכער לאַפּקע,
ברומט איצט דאָס האַרץ פון דערבאַרמיקן פּאָעט.

בײַם װײַנטיש

„װען כ'װאָלט געהאַט אַ האַרץ
װאָלט איך עס געגעבן
דיר מײַן לעבן
נאָר כ'האָב עס נישט"

אַזױ זינגט ער
און צימבלט די גיטאַרע
אין דער רױכן-כמאַרע
בײַם באַשױמטן טיש:

„װען כ'האָב אַ האַרץ
נאָר כ'האָב עס נישט".

אמת, אמת.
װאָס אַ האַרץ און װעמענס? —
אַזױ פיל ליכט און אַזאַ קעלט.
פוטערס שאַרן זיך,
װװאָלן ציטערן
און אַלץ איז נאַקעט, נישט פאַרשטעלט.

„װאָס װיל מײַן הער?"
פרעגט דער קעלנער מיט גלאַנץ און חן.
איך ענטפער:
„גאָרנישט מער"
נאָר איך מײן אַן אַנדער מײן:

װען ס'װאָלט אַ האַרץ געװען
פאַר אַלעמען און זיך אַלײן.

צווישן צוויי

נאָך אָוונט דעם געמיטלעכן ביַי וויַין און טיי,
האָב איך דערזען צווישן צוויי
די שפּין וואָס שפּינט און נישט פאַרבינדט...
ס׳האָט גערעדט איר בליק
פון אַ חלומס חשבון אויף צוריק,
פון אַ פאַרלוירן גליק
נישט אָפּצומאָנען.
מיט אומרו האָט געפּיבערט איר פאַרטונקלט פּנים:

אין שאַנק דאָס כּלה-קלייד, ס׳איז מיַין בזיון.
וואָס היט איך עס אַזוי דורך לאַנגע יאָרן?
די וויַיסקייט רייצט מיך ביז שיגעון,
וויַיל אַזוי פרי איז אַלץ צו נישט געוואָרן.
ביַי מיַין קיכטיש בין איך דער קרבן...
אין מיר רויִנען אויף רויִנען.
פון כּלה-קלייד וואָלט איך געמאַכט אַ טאָרבע
און גיין און גיין אַ ברעקל ליבשאַפט צו געפינען.

איר טראָט פון טיש האָט זי געשטעלט
און כ׳האָב געהערט דעם טופּ וואָס שעלט.
אַ ווילדבין אין ווינקל שטוב האָט זיך צעזשומעט
מיט שוויַיגנדיקן אומעט,
און כ׳האָב אין דעם דערהערט אויך אים,
זיַין שווערע שטראָפנדיקע שטים:

אַז די ווונד מיַין אייגענע איך דאַרף שיילן —
טאָ סאַראַ גליק מיט אַנדערע צו טיילן?
אַז שוין יונגלוויַיז האָב איך מיט ווינט געוואַנדלט,
נישט קיין גאָט געהאַט נאָך געטער פּילע.
מיַין ווּקס — אַן ראָזשינקע און מאַנדל,
אַן וויגליד און אַן תּפילה.

קיין היימהויז נישט געהאַט,
געוואָלט אַ וועלט צעשטערן —
ווי זשע וועט מיר סטײַען ליבשאַפט?
ווער קאָן מיר אַ היים באַשערן?

און אויפגעפינקלט האָט זײַן אַפּל
אין צאָרניקן פאַרענדער:
וואָס מיינט, איך בין געבוירן?
דער שׂטן האָט מיך געמפּלט,
אומעטום צו זײַן אַ פרעמדער.
וואָס שטוב? וואָס הויז?
אַלץ אויס
און איך וויל נישט דעם ליגן...

ס'האָט די בייזקייט פון אים אַרויסגעשריגן.
און איך — פוןביידע אָנגעגריפן,
פון ביידנס ווייען מיט אַ מאָל,
ווי אויף מײַן האַרץ וואָלט מען געשליפן
צוויי שאַרפן פון האַרטן שטאָל:
אַז צוויי גערעכטע אין געפּעכט,
טאָ ווי מאַכן שלום?

און געזאָגט האָב איך צו זיך:
דער גורל בינדט, דער גורל אויך צעברעכט,
און אָדם, חוה — ס'איז ביידע שלעכט
בײַם נישט-באַשיידטן חלום.

דער ליבע-שרײַבער

א

קאָנסט אים זען בײַ נאַכט
פאַר דער פּאָסט אויף טרעפּן,
אין לבנה אַרײַנגעדראַכט
ווי אין שולמיתס עפּל.
דאָרט שרײַבט ער זײַן געהיימען בריוו
מיט דרײַ קאָלירן,
גאָלד און בלאָ און ראָז
ווי שיר-השירים.

צי ווייסט דערפון די זקנה
אין קאַלטן בודואַרל,
אַז ער, פון צען דער איינער,
דאָס בלאָ-אויגנדיקע נאַרל,
יעדע נאַכט בײַם פּאָסטאַמט
שרײַבט און שרײַבט דאָס בריוול
צו איר אין ווײַטן סקאָטלאַנד
מיט דרײַ קאָלירן ליבע?

גאָט איז נאָר דער ווייסער
ווי דער מוח דער הייסער
מישט די דרײַ קאָלירן.

ווײַ!
ס׳גרייט נאָך אַ פאַרב דער טויט
אין איינער פון די נעכט
אים אײַנצופּרירן.

ב

מיט פּרי אויף אַקסלען זײַן לערן זאַק,
פול מיט צער אַ פּאַק,
און קיינער קאָן נישט העלפן.
אין זײַנע אויגן ציינערט זיך די שטאָט
ווי אַ צעווילדטע וועלפין.

און אַז ער הייבט זײַן צעמעשטע באָרד
אַקעגן די באַזונטע גאָרנס,
אַנטלויפן קינדער ווי פּאַר אַ מאָרד
און מאַמעס ציטערן פאַר צרות.
נאָר איך איינער פון מײַן גאַניק
קוק אויף אים טיף צעריסן:
זאָג מיר, ברודער, איך וויל וויסן
וואָס דײַן שווײַגן האָט פאַרהוילן —
וויפל ווינטן, וויפל גרוילן.

איך גאָר זע אים ווי אַ זינגער
מיט אַ האַרץ פון הוילן פײַער,
כאָטש די נעגל אויף זײַנע פינגער
לויער-שאַרף ווי אַ מידבר-חיה.
איך זע אים גרונטיק אָנגעצונדן
ווי אַ באַקאַנטער נישט-דערקענטער —
אַ זינגער-וואָיער אין די וווּנדן,
אין יסורים אַ פאַרברענטער.
בליקט אויף מיר מיט שטוין דער דולער
און מײַנע טרערן ווערן פולער.

דער פּאַראַד

— — און גלײַך נאָכן פּאַלמעסן,
ווי נאָר מען האָט זײַן פלייש פאַרדאָרבן,
האָט מען אָנגעהויבן צירן דעם באַרימטן קרבן,
די רעשטן פון זײַן גוף אַרומגענומען
מיט שענסטן פון קאָסטיומען,
העליש ציכטיק.
און לאָמפּן אָן אַ שיעור — בליציק ליכטיק.

נאָר זי אַליין
מיט איר געוויין
אַ שאָטן איבער אַלץ האָט אויפגעהויבן:
דו, הייליקער, וואָס איז דײַן פרעפּלען און דײַן לויבן?
דעם טויט-פּאַראַד — ווער האָט אים אויסגעקלערט?
ווי טוט מען אָן די טויטע אוניפאָרמען?
זײַן בלוט האָט נאָך נישט אײַנגעזאַפּט די ערד
און ווער דאָרט גילדט דעם אָרון און מײַסטערט פאָרמען?!

די ווײַסע בלום אין לאַץ פון טויטן
האָט אָנגעהויבן בלוטיק רייטלען
און פון אירע טרערן האָבן זיך געבויגן
אַלע קנויטן.

דער פרילינג איז אַנטלאָפן צוריק צום ווינטער
און אַ חופּה איז אײַנגעפאַלן אויפן צווינטער.

בייַם רעיִענט

דער רעיִענט רוקט צו דעם שטול גאַנץ העפלעך:
נישט וויינט, מאַדאַם, מען מוז זיך האַלטן...
עס טרעפט... דאָס שטאַרבן איז גאַנץ טרעפלעך
און סייַ ווי העלפט נישט קיין געוואַלדן.

די פרוי, אין שוואַרץ געהילט, פאַרברעכט די הענט.
דער שטול גיט טעמפּ אַ קריץ: אָ,ליידער.
און ס׳קריצט און קריצט די פעדער פון רעיִענט
מיט אַ קריִעה אויף אירע קליידער.

נאָמען, דאַטע, פאַרשריבן אַלץ גענוי.
זיכער שוין פאַרזיכערט די ירושה.
אירס דאָס גאָלד... נאָר נאָך שוואַרצער ווערט די פרוי —
אַ שאָטן שטייט דערבייַ — איר שענסטער...

זייַנע טויטע קושן אַלץ פאַרטושן;
און אַ קראָ טריפט סמאָלע אויף די פענצטער.

אויפֿן לאַנגהאָריקן יאַריד

א

פֿון ווען און פֿון וואַנען דאָס ברומען:
ציגײַנער בײַ נאַכט וועלן קומען
און טרײַבן און יאָגן און לאַכן
און שלעפּן צו ווינטיקע שליאַכן?

ווער זאָגט עס מיר ווידער אַצינדער,
ווי צו שרעקן שטיפֿערשע קינדער?
ווי אַמאָל בײַ שויס פֿון מײַן מאַמע,
אין אַ טאָג פֿון נאַכט — ליקוי-חמה...

זי האַלט מיך בײַם הענטל און ציטערט:
אָט קומט ער דער גרויסער געוויטער
מיט פֿײַער אַרום און אַנטקעגן —
און רײַטערס צעטראַמפּלען די וועגן...

כ׳זע ווידער די שאָטנס אויף שויבן —
צו צינדן, צו מאָרדן, צו רויבן.
פֿון וואַנען די ווילדע טאַבונען
מיט שוואַרצע, פֿאַרקוויליקטע זונען?

אָ, ווידער ווי קינדווײַז דאָס ברומען
אין אַנגסטיקן שאָטן פֿון כּרכן:
ציגײַנער בײַ נאַכט וועלן קומען
און טרײַבן און יאָגן און לאַכן — —

ב

אַזוי פֿאַרטוליעט זיך אַ טשערעדע בײַזאַם
ווען אויגן וועלפֿישע באַווײַזן זייער גלי.
מען פֿאַרפֿרעסט די קעפּ אינעם גראָזעדיקן לאַן
און טלאָען דורסן אַיעדן ווזקס און בלי.

אַזוי אַ טוליעט זיך דער נע-ונדער שטאַם —
מיט טשופּרינעס אין שויסן, שטערנס צווישן קני.
עס פּרוּווט דער מאָרגנווינט אויסלופּטערן דעם סם
און ס׳פּרוּווט די זון זיי זאָגן: אויף דער ערד איז פּרי.

נאָר זייער כראָפּעריי איז שטאַרקער ווי דער ווינט
און קעגן זון פאַרמעסט זיך יעדעס בלינדע אויג.
עס שלאָפט די טשערעדע מיט וואָל אין וואָל פאַרשפּינט
און די קאַשמאַרן בילן ווי אַ ווילדע צויג.

נאָר ערשט ווען ס׳שפּרייזט די זון האַלבן טאָג אַריבער
און איבער דעבער ערשטער שאָטן זיך באַווייזט,
שטייט אויף דער קנאָדער פון זיין קאַשמאַרנעם פיבער,
ווי אַ כוואַליע פון אונטער אויפגעפלאַצטן אייז.

און דער יאַריד מיטן שמאַטיקן געפלאַטער
צעטופּעט אין דער שטאָט זיין דזשונגל-קאַראַהאָד.
מען שלאָגט מאַמע-ערד מיט קאָפּענדיקער פּיאַטע
און מיט טשופּרינעס ווילדע שטויסט מען טאַטע-גאָט.

ג
הייזעריק דער ברום פון גאָרגלען.
לעסטערדיק דער קריץ פון ציין.
און דלאָניעס רייסן זיך צו אַלע פרומע אָרגלען
מיט נעגל און מיט שטיין.

דאָס זענען זיי פון הפקרן יאַריד,
פרי אויסגעמאָרעט, אַלט און מיד,
מיט שטן-שאָטן אין קאַלטנדיק געשטאַלט,
און זייערע קנאָספּן נישט-דערבליטע
מאָנען זיי ביים צעזעגטן וואַלד.

דאָס קלאָגט פאַר זיי די מאַנדאָלין
פאַר נישט-געיונגטע טעג,

דאָס ברומט פאַר זיי די טאַמבורין
וואָס מאָנט און פרעגט:

וואָס וויל פון אונדז דאָס גאָלד-געמויזעכץ,
דײַנע רויבער, וועלט, אין הייליקן פאַרהיל?
וואָס וויל פון אונדז די קאַץ-און-מויזעכץ
מיטן בלוטיקן געיעג אין שלאַכטפעלד-שפּיל?
מיר ווילן ליבע, איר גיט אונדז שׂינאה
און ווײַרעך שפּרייט איר אויף יעדן מאָרד...

אין ווינט צעוואָרפט זיך אַ טשופּרינע,
אין זון צעצינדט זיך אַ קופּער-רויטע באָרד:

גענוג! געגוג!
דערפאַר איז אונדזער היים דער ברוק
נאָך אַלע ווילטאָגן געהאַטע,
די פאַלשע גלעטן פון ליגנערס זאַטע.
נאָר ווינט אַליין איז נאָך אַ גוטער ברודער
און אויך אַ מאַמע און אַ טאַטע.

ווינט פון הפקר
און עס שפּילט די קאַפּעליע פון יאַריד.
אַ האַנט, צעבויגן, דעם פידלבויגן ציט,
ווי זי וואָלט אָדערן געריסן
מיט יאָמער אויף אַ וועלט,
וואָס איר וויסן אָן געוויסן.
און עמעץ קלאַפּט מיט נעגל אויף אַ פּויק,
ווי אַ נקמהדיקער שטאָך אין וועמענס אויג
פאַר אַלע די וואָס זעען און פאַרשווײַגן
און זאָגן אויף אַ תּליה-בוים
אַז פון גן-עדן זײַנע גרינע צווײַגן.

און — כאַ-כאַ, כאַ-כאַ, מיט גאַל און שפּאָט.
פּײַער-רויט אין זונענזונק

שטורעקט ווער אויס זייַן לעסטער-צונג:
בראָקט, צעבראָקט די ערד ביז איר יסוד!

אַ צאָרן-רוף צו טויט-פאַרלענד,
פון מענטשנקינד איז ער געווענדט
צום נאַכט-גאָט, צו דעם שׂטן:
קום און קיניג דו,
ווייַל גאָט וויל מער נישט גאָטן
מיט ליבשאַפט און מיט רו.

ווערט אַלץ טונקעלער אויף גאַסן, שוועלן, טרעפּ,
ווי אַ היישעריק פון מידבר וואָלט אָנגעשוועבט.
דאָס איז אויך די שעה פאַר היִענע און קאָרשון,
אַלע שנאָבלען זיי אין פּגר פון דער זון,
דאָ, אויפן יאַריד, בייַ שוואַרצע פאָנען.
און זיי נעגלען און זיי שרייַען און זיי מאָנען.

ס'איז דאָ אין מיטן שטאָט בייַ דעם תּהום
ווו עס זידט און בריט וועלטס מוטנער שטראָם
מיט פייַערן נאָך נישט פאַרלאָשענע
פון סדום.

אין דער שטאָט פון דוד

נאַכט, שוין לער אַלע גאַסן נאָכן געגוס
און מען קאָוועט די רו דאָרט הינטערן שלאָס.
איך הער מן המצר, דעם טרעריקן פלוס
און איך וואַרט אויף זײַן ברויזיק הייסן צעגאָס.

מײַן אויער זיך ציט צו פאַרבאָרגן געוויין,
אַנטקעגן די טעמפּלען פון גאָלד און פון פּראָסט.
נאָר דער כּותל אַליין, ער איז נאָך אַ היים,
צו פרעגן: אלי, וועמען האָסטו פאַרלאָזט?

דו, שטאָט דו פון דוד, באַרים זיך נישט סתּם
מיט דײַן טראָניקער הייך אין פּורפּור געהילט.
אויב נאָך דוד המלך חי-וקים —
איז ווײַל ס'האָט אין די נעכט זײַן פידל געשפּילט.

ווײַל ס'האָט אין די נעכט פון זײַן האַרצן געקלאָגט
מן המצר — איבער יעדנס וויי און ווינד,
און ס'איז זײַן געוויין אויך אַרײַן אינעם טאָג
אויף צו מאָנען די שטראָף און בריִען די זינד.

זײַן מן המצר אַליין מורמלט איצט שטום
אַן אביון אין גאַס, אויסגעשפּרייט אויף אַ שוועל,
און ער קוקט און זוכט מיט זײַן בלינדקייט אַרום
צי עס עפנט אַ טיר ווער וואַרעם און העל.

בײַ אים, זײַן צוקאָפּנס, שוין שטעלט זיך אַוועק
אַזאַ רײַזעמאַן מיט הנאה אַ סך.
ער האָט אינעם אביון משיח אַנטפּלעקט,
וואָס פאַרבינדט דאָ זײַן ווונד אין מיטן דער נאַכט...

דעם רײַזעמאַן גוט און דעם רײַזעמאַן װוּיל.
מה טובו — זאָגט ער — אהליך יעקב!
נאָר די נאַכט טריפט טרערן מיט עלנט און גרויל
בײַם האַרטן צוקאָפּנס פון אביונס נישט-שלאָף.

דו, שטאָט פון דוד, ווי שווײַגסטו אַצינד?
כ׳פרעג: אלי, בײַ דיר — וועמען האָסטו פּאַרלאָזט?
איך הער מן המצר און וואַרט אויפן ווינט —
צעשטויב דאָ דאָס גאָלד און צעפּלאַץ דאָ דעם פראָסט!

וואַנדלער בײַם ים-סוף

א

זעסט זײ בײַ דעם ים-סוף
אין שעה פון תּפילה און פון טבילה,
אָן גאָט, אָן פרײַנד, אָן טאַטע-מאַמע.
דער ים אַליין נאָר וויגט זײ, די יתומים...
די האָריזאָנטן — געצונדענע און שטילע,
און די וואַסערן באַהאַלטן איצט די שוימען.

זײ נידערן אײנציקווײַז, אַ ריי פון סילועטן,
די פּנימער פאַרשטעלטע מיט טשופּרינעס.
איך בײַם ברעג וועל איצטער בעטן:
וואָס זײ אָפּ פון אַלע עלנטן און שינאהס.

איך דערנענטער זיך צו זײ בײַם ברעג,
זײ שטוינען אויף מיר פרעמד פאַרדעבטיק,
און אײנעמס בליק שוין שפּיזט און פרעגט:
ווי קומסט דו צו נישט-געטאָגט און נישט-געגעבטיקט?

וואָס זאָגן זײ, דער וועלטס יתומים
דאָ אַקעגן מידבר-רוימען?
כ׳האָב אויך אין בוזעמטאַש אַ ייִחוס
מיט ווײַטע וואָלקנס דאָ פאַרצויגן.
וועלטס אָן-וועג אויף מײַנע שיך איז,
אַפילו דאָ בײַ מײַנע גרינע סטויגן...

נאָר שטײ איך קעגן זײ דערווײַטערט,
נאָר זי, די טרער, מאַכט נאָענט און טײַער.
דאָס איז אַ שעת-הכּושר,
די רו אין מיר ווערט רוישער,
איך זע דעם פײַנפלאַם אויף זייער שײַטער
און איך גענען צום פײַער:

אַ גוטן-אָוונט, וואַנדלער-ברידער,
לאָמיר זינגען לידער!

ב

ס׳רופט צו דיר די בלאָקייט די טורקוזע:
יתום, קום פון אַלע נע-ונדן.
דײַן קרוע-בלויה, דײַן בלודנע בלוזע
איז איצטער דאָ מלכותדיק געלאַדן.

דעם רוקזאַק עפן, שפּרייט אויס די טרוימען
און פון אַלע העטן קום דאָ דאָען.
אויף דײַן טרויער פרעג בײַ מלך שלמהן
און אויך זוך די פרייד בײַ מלכּה שבאָען.

הײַנט רופןביידע דיך כמורעוואַטן
פון וועלטנקעלטן, פון איינזאַם פרירן.
דאָ וועט די בלאָקייט נישט פאַרראַטן,
זי וואַרט אויף דיר מיט שיר השירים.

ס׳ווײַזט דער באַרג אין ים ווו קאָנסט געפינען:
דאָ צום ים-סוף קום ווען טאָג וועט העלן,
קום מיט דער פריסטער שעה, באַגינען,
ווען די זון באַגילדיקט די קאַרעלן.

און דײַן אויג צעעפן, טויך אין טיפן,
דער קאַרעל פון פרייד וואַרט דאָרט פאַרבאָרגן.
הייב אים אויף אַקעגן אַלע שיפן
און זאָג צו אונדזער ערד גוט-מאָרגן.



די בלומען פון
רחמים

די בלומען פון רחמים

א. ביי דער פאַרמאַכטער טיר

עס ווייסן גוט די פלעדערמויזן
ווו צו נאַכטיקן אויך אין דער פרי,
אונטער וועלכן דאַך צו קומען הויזן —
ווו די פייגל מײַדן זייער פלי.

עס ווייסן אויך די אַלטע שפּינען
ווו, אין וועלכן ווינקל — קיינעמס קער,
און דאָרט — מיט שטראַלן פון באַגינען
בלאָ באַשפּינען אַ שווערע טרער.

נאָר ער, דער האַר פון אַלע לעבנס,
שוין לאַנג פאַרגעסן האָט ער דעם וועג.
אַ שפּין אַליין טוט דאָרטן וועבן
און די פלעדערמויז פליט נישט אַוועק.

אויך איך די טיר וועל דאָ באַרירן
מיט דער פלעדערמויז און מיט דער שפּין,
צו זאָגן היינט מײַן קלאָג מיט שירים
און מיט איובס שרײַ: וואָס, גאָט, דער זין?!

כ׳וועל זײַן אַ חתן צו די ליידן,
דער דולער מלכּהס אַ קאַמערקנעכט,
און אפשר אויך דעם שׂטנס איידעם
אין אַ וועלט וואָס כּולו-נישט-גערעכט.

און כ׳וועל זיך דאָ אין פּײַן פאַרטײַען,
דאָ, אין וואַנזין ווו עס קריצט איר צאָן,
און מיט מײַן ליט-דין און ליט-דיין
וועל איך צעוואַקלען דעם העכסטן טראָן:

אליִ, אלי, בלײַב אויך אָן קײנעם
און אַזוי ווי זי — פֿאַרגעסן, דול.
אויך אויף דיר וועל איך דעמלט וויינען
אין בעכער טרערן וואָס איז שוין פֿול.

ב. די טרעפונג

ווען נישט אין געסל דאָרט די קליינע קראָם,
אין מענטש-געווימל בײַם קרעמערס וואָג —
וואָלט איך, די טרערן-זאַפּנדיקע שוואָם,
זי נישט באַקענט, נישט אײַנגעזאַפּט איר קלאָג.
ס'האָט בליק מיט בליק ווי שוואָם מיט רעגן,
ווי וואַלד און וואָלקן מיט בליצמאַגנעט — —
אַזוי אַ גייט די לייד אַקעגן
אים, דעם שטיל-דערבאַרמיקן פּאָעט.

כ'האָב צוגעהאָלפן אין משׂא-ומתּן
און אַוועקגעטראָגן דאָס קיישל שפּײַז
צו איר שטוב, די תּפיסה אָן שלאָס און גראַטן,
ווו שפּינען פּלעבטן אַ משוגעת.
דאָרט אין ווינקל, ווו עס פלאַמט איר שאָטן,
איז דער פּולער טאָג חשבותדיק געווען.
זײַנע קאָזשלקעס מאַכט דאָרט דער שׂטן,
און דיך, באַשעפער, האָב איך נישט געזען!

אַ פאַרוווּנדעטע אויף איר באַגלייטער
האָט זי מיט אויגן-נאָדלען שטרענג געפּאָרשט:
מיט וואָס פאַר אַ שלעבטע מיינען גייט ער?
און ס'האָט איר ליפּ געצוקט: צו אַלדי יאָר!
אַז שוין לאַנג אַנטווײַנט פון גאָט און לײַטן,
פון אַ קלאַפּ אין טיר, פון אַ שטראַל אויף שויב —
און אויף זיך אַליין האָט זי געטײַטלט:
כ'בין געווען אַ פּאַווע — און איצטער ד ר ו י ב...

צער — אַ וועלט אין אַ פּיצל שטח;
אַלדי קלוגשאַפט — אָנגעווווירן יעדן זין,
ווען זי האָט געטײַטלט אויפן רעטעך:
דאָ ווווין איך, כ'בין דער וואָרעם אין דערין;

פּלוצעם זיך צעברויזיקט און געשלײַדערט
פון טיש אַראָפּ דאָס ברייטל און די רײַז.
מײַן שרעק האָט געוואָרנט: גיי און מײַד איר.
נאָר די טרער אין מיר: ב ל ײַ ב און רחמים ווײַז!

כ׳האָב פון דיל מיט רו אַלץ אויפגעהויבן,
דאָס ברויט, די רײַז, שערבלעך פון דעם קריגל.
כ׳האָב געפּרוּווט פאַרטושן און פאַרלויבן...
נאָר זי, די פויגלין, די אָן די פליגל —
ווי אַזוי פון אָפּגרונט זי דערהייבן —
מיט ווּעמענס נס און ווי זאָל עס געשען?
אַז איך אַליין — ווי וועל איך נאָך גלייבן? —
און דיך, באַשעפער, האָב איך נישט געזען!

ג. די וועבערין

וויפל יאָרן פון וואָקל און פאַל,
אַזוי פיל שוויַיגן, אַנגסטיקער קלעם —
און זי וועבט נאָך און וועבט אַלץ דעם שאַל,
און זי ווייסט נישט ביז ווען, נאָר פאַר וועם.

דו, ייִנגל פון ליטע צי פוילן,
ווי-נישט-ווי מיט דערוואָרגענעם האַלדז —
פאַר דיר אָט די פאַסמעס און קנוילן,
אָט די שפּיזלען און פעדעם — דאָס אַלץ.

וואָס די ווייַטן פון צייַטן און ים?
אָט צעבונדן, אָט ווידער פאַרקניפּט
מיט אַ נערוונצונד — שפּיזלען פון פלאַם
איבער נאַקן, אין האַרץ און אויף ריפּ.

ס'איז אַן עדות דער זייגער דערצו
מיט צוויי ווייַזערס פאַרגליווערט פון לאַנג.
מען קאָן זען ווי זיי שערן די רו,
מען קאָן הערן אַ גלאָקן-געקלאַנג.

ס'איז די שרעק וואָס מען קאָן אַלץ דאָ טאָן
מיט די פעדעם אין נערווישן צונד,
ווען אַ שאַרפער צעבייזערטער צאָן
וויל אויסרייַסן פון בלוטן דעם שפּונט.

דער זייגער מיט בלינד ציפערבלאַט-אויג
פאַרשט דעם פעדעם-געדריי און ער בלאַסט:
וואָס בייַם שויב — וואָס צעבילט זיך אַ צויג
און באַגאַווערט מיט שקיעה די גאַס?

און פאַר וואָס דער גאַרדינען-וואַל
פאַרלירט דעם בלאָ אין שקיעהשן בלוט —
און נאָר זי אַליין וועבט נאָך דעם שאַל
פאַר דעם איינציקן-נאָענט-און-גוט...

דו הינטער גאַרדינען פאַרהוילן,
דו ביסט דאָ מיט דײַן טויטן באַריר.
דו, ייִנגל פון ליטע צי פוילן —
ביז ווען דײַן אַש ווי בשׂמים אויף איר?!

נאָך איידער זי וועט אים פאַרקנוילן,
אָט דעם פאָדעם מיט חשבות פון נאַכט;
נאָך איידער זי וועט דיך באַגרוילן
מיט אַ ליבשאַפט פון די טויטע געדאַכט —

טו דו דײַן גענאָד, קום זיך שיידן
און אויך שענקען איין קוש פאַר איר שלאָף.
באַפרײַ זי פון קומער און ליידן,
פון דעם פאָדעם וואָס האָט נישט קיין סוף.

ד. צום דאָקטערס שוועל

מיט נאַכט באַצווייט אַליין געקומען
צום דאָקטערס שוועל, צו אַ לעצטן ברעג,
און אַלע יאָרן, אומעטומען
נאָך איר באַשאָטנט האָבן דעם וועג.
סוף-סוף אַרויס פון זיך, די תּפֿיסה,
צו זאָגן וועמען ווי איר איז שלעכט,
ווי איבער איר געהירן גיסן
צעבערס גיפט די שלאָפלאָז-שוואַרצע נעכט.
אין היץ פון האַלבטאָג האָט זי געשפּרייזט
צו אים, דעם אַלטן באַגלייבטן מאַן,
ער זאָל עפענען דאָס האַרץ פון אײַז
און אַנטפּלעקן דאָרטן דעם ווולקאַן.

אַ גאַס האָט נאָכגעקוקט דעם „מאַנצביל״,
אָט די „מאַן-דאַם״, דער טראַ-לאַ-לאַ —
פּאַר אַלע שדכנטעס אַ מאַנסוויל
מיט אַ גרויסן נדן שווערער צער:
אַז ווי גייט ע ר — די איין-אַליינע
אין דער היץ פון טאָג, אין הינערפּלעט —
די גברטע מורה-מורנו, —
און מען האָט געכיכעט און געשפּעט.
נאָר איינע דאָרטן איז געשטאַנען
בײַ דער ווײַסער טיר פון קאַבינעט, —
אַ שוועסטער? — ניין! „דאָס איז מײַן מאַמע!״ — —
פון רחמים-וועלטן אַ סילועט...

און שוין האָט זיי פּאַראיינט צוזאַמען,
און שוין צוויי אָרעמס מיט טרייסט און מוט.
גלײַך אויפגעלויכטן האָט די דאַמע
אונטער שוואַרצע ראַנדן פון איר הוט.
אַ צוק אַ דינער אויף די ברעמען,
גלײַך ווי אַלע טרערן טריפן אָפּ.

אַז גיי, אַז גיי דערציילן וועמען
ווי שווער אין אויג יעדער איינער טראָפּ.
ווער קאָן צעבינדן דעם ווילדן קנוידער
ביז צום ערשטן פּאָדעם פון געוועב?
נאָר רחמים אויסגעמישט מיט שוידער
און דער ווילדער ווילן: לײַד און לעב!

איר האָנט האָט איצט אַן אויסגעשטרעקטע
באַרירט מיט שמייכל די ווײַסע טיר,
ביז פול מיט זון, אַ נײַ אַנטפּלעקטע,
האָט אַרויסגעשוימט פון איר געפריר
אַ בליק אַ וואַרעמער גאָר זעלטן
איבער אָפּגרונטס זאָט פון דול געמיט,
ווי ס׳וואָלטן זיך געביטן וועלטן
דאָרטן ווו די לאַווע אין קראַטער זידט.
דער אַלטער דאָקטער איר אַקעגן
געטריפט האָט שמייכלען מיט בלאָען בליק.
און יהי אור — אַ גוטע רגע
דאָרט צווישן שאַרבן און געניק.

ה. דער בליק פון היילונג

אַ לאַמען קאַנסטו געבן קוליעס
און אויך אַ האַנט וואָס פירט און טוליעט,
נאָר זיי, ווען ווינט אין טיפן הוליעט
און ווייסט נישט ווו, פון וועלכע ווּעַן,
אַז וואָס די מײַסטער־גײַסטער טוען
און וועלכעס וואָרט קאָן איצט באַרוען.

ווערטער פאַרלירן דאָ די ראָלן.
צו לײַכט, צו קליין אויף אָט די שאָלן
דער „ס׳וועט״ פון טרייסט, דער ברכהס „זאָלן״,
ווען ס׳זידן אָדערן און פולסן
צווישן אַפּאַטיעס און אימפּולסן
אין שלאָף־נישט־שלאָף מיט פײַן־קאָנוווּלסן.

די העלסטע ליכטער דאָ פאַרמאַטן,
עס טרייסלט אונטער דיל דעם גלאַטן,
עס ברענט די ווײַסקייט פון כאַלאַטן
און נאָך מער די צעווילדטע בליקן
וואָס שפּיזלען דיך אַדורך און שטיקן
און וואָרענען די וועלט: זורך תיקון!

און ווען דו פּרוּווסט די שוועל באַטרעטן —
אין דרויסן לאָז „די רו״ פון געטהען
און אויך תהילים — זאָלסט נישט בעטן,
נאָר פון דײַן געמיט דעם צעקרעלטן
ביגוואַלד איין שמייכל אַ צעהעלטן —
מיט אים דאָ קאָנסטו היילן וועלטן.

מיט אים, ווי קוואַל בײַ הייסן קראַטער,
ווי אין מבול מיט טויבן־פלאַטער
שפּאַנט צווישן קראַנקע דער פּסיכיאַטער,

און עס געטרויען אים די קראַנקע,
אים דעם צינדער ווי זינענס צאַנקען,
אים דעם שומר פון די געדאַנקען.

ס׳איז ער, פּאַר מידסטע טרייַער פּאַסטער,
נישט ער ליבט דיך און נישט ער האַסט דיך,
נאָר זע ווי זיניק ער פאַרקנסט דיך.
עס זאָגט זייַן בליק: אַזוי גוט-וויל איך,
און באַלד — דו ביסט צו אים פאַרטרויליער —
קינד — צו פאָטער, צו מאַן — יונגפרויליער.

קיין קוש, קיין גלעט, קיין סענטימענטן.
בלויז אַ שמייכל צו די פּאַציענטן,
ווי קאַלטער טרונק צו אַ פאַרברענטן.
און ווען פאַרבלייַבסט מיט אים באַזונדער
ווערן פיר ווינקלען וועלטיש רונדער
אין גרויסן קרייַז פון וויי און וווּנדער.

ו. בײַם דאָקטערס טיש

ניו-יאָרק — דער טאָרג — דולער דאָלער
בראַנד און ווינט!
סײַ-ווי אַלע צאָלער
נישט געלאָזט קיין קווינט.

וואָס דאָלער דולער?
מיט אַ טרער אַלץ פולער
פאַרכוואַליעט אירע רייד.
ווו אויף אָקעאַנען
צווישן הוראַגאַנען
אַ ווײַסע שיף פאַרגייט.

קאַלך-בלאַס איר פּנים,
די האָר ווי שוואַרצע פאָנען
בײַ פײַער-כוואַליעס העט —
זי רעדט
יאָ געדאַכט
און נישט געשטויגן:

צוויי שלאָגן מיך בײַ נאַכט
און שינדן מײַנע אויגן.

צוויי סאַרוועס זענען זיי געווען
דאָרט, בײַ ביין און ציין...
איך האָב קליידער דאָרט געקליבן.
דאָרט, אין אָרט פון סאַמע מאָרד —
ווי גוט געווען צו ליבן!
איין סאַרווער טוט אַ גלעט,
דער צווייטער — קוש אַ נאַש.
איך שענק זיי די טויטעס גרעט
און זיי מיך פודערן מיט אַש...

אַ ראָמאַן פון טויטלאַנד
טונקעלער מיראַזש.
נאָך רויטער פלאַמען
די פּליאַמעס אויף איר באַק:

יעדע נאַכט אין מײַן באַראַק —
אַ, צוויי מלאכים שוואַרצע
מיט מיר צונויפגעצווייט.
ביידע אין מײַן האַרצן
טויטערהייט...

ניו-יאָרק צי דאָ, ווו טײַוול העט! —
אָ, העלפּט מיר, דאָקטער, נעמען גט!
גאַנצע נעכט, ביז שפּעטן טאָגליכט אַזש
שטייען ביידע איבער מיר געבויגן,
צוויי מלאכים שוואַרצע שיטן אויף מיר אַש
און שינדן מײַנע אויגן.
זיי זענען דאָ
אין יעדער שעה
בײַ נאַכט,
איך הער מען לאַכט
פון מאָרפיום און די פּילן
און גאָרנישט קאָן פאַרשלעפּערן און שטילן.
כ׳פּרוּוו מיט שטעקנס און מיט שטיינער —
פון מײַן הויז אַרויס!
און באַלד — איך זע: אַלץ אויס,
נישטאָ און נישט געווען קיינער...

אָ, גיט מיר, דאָקטער, צו פאַרשטיין,
פאַר וואָס איז טרוקן מײַן געוויין,
צי ווײַל איך בין אַ קינד און רינד
און כ׳וועל שוין קיין מאָל גאָרנישט האָבן?
פאַר וואָס זשע אָט די צוויי

טוען מיט מיר זינד
און ווילן נישט אויס ליבשאַפּט
מיך באַגראָבן?

דער דאָקטער הערט
ווי לאַווע אונטער ערד
דאָס נישט דערציילטע,
פון הינטער אַלע הילן און העפלער-שפּילן
דעם סוד אַרויסגעשיילטן.
ווי באַשיידן אירע ליידן?
ער זעט ווי אַלץ צעדולטער
איר קאָפּ זיך וויגט אויף שולטער
ווי אין מידבר אויף אַ קעמלס האָרבן
עמעץ וואַקלט — שוין לאַנג געשטאָרבן.

זי שטרעקט צו אים די הייסע האַנט
מיט געבעט צו זײַן פאַרשטאַנד
און צוקט אין אָנמאַכט אײַנגעבויגן.
דער דאָקטער זעט דורך דעם גניק
אַ ים מיט פלאַם אין אירע אויגן.

עס שפּרינגען אָדערן צעשניטן
אויף איר שטערן אין דער מיטן
און אירע בליקן —
מעסערס,
פאַר אַלע נישט געגליקטע גליקן,
פאַר שלעכטס וואָס מזלט נישט מיט בעסערס.

דער דאָקטער שווײַגט, איצט ווייס ער:
אַ וועלט וויל זי צעטרייסלען,
נקמה גרייכן,
און מיט אַ בליק אַ ווייכן
וויל ער דעם הייסן קראַטער לינדן, —
פאַרשליסט זי אירע וויִעס

מיט רויט פון טויזנט שקיעות
און אויגן שמאַכטן, נאַכטן, בלינדן.

די באַרעמהאַרציקע איַילט גיך,
זי הערט פון קאָרידאָר אין זיך
ווי נאָך צוויי הערצער קלאַפּן.

די קראַנקע און דער דאָקטער
ביידע זאָגן איצט אַלץ נישט־געזאָגטער,
אַז אַ דולער גאָט האָט די וועלט באַשאַפֿן.

ז. שפּעטע שטערן אויפֿן שפּיטאָל

רויט-רויט, גלין-גלאַן.
ווער צינדט און טרײַבט
אי מאַן
אי ווײַב
אין גוף דעם איינעם?
זי פּרעסט די האַנט פֿון סאַניטאַר
מיט שאַרפֿן נאָגל פֿון טאָפּל צער,
מיט שרײַען און מיט וויינען.

רויט-רויט, גלין-גלאַן
און הונדערט טויערן.
אויף יעדן שפּאַן
קודלאַטע לויערן.
זי וויל איר גוף אַליין צעשינדן.

דער סאַניטאַר ציט זיך צוריק,
מיט פײַער לויפֿט אים נאָך איר בליק,
אויך אים, איר דינער, אָנצוצינדן.

דער זייגער יאָגט, שפּעט-חצות,
די ווײַזערס זינקען קרום צעוויגטע.
געענוג שוין דולן נאָך און נאָך!
צוויי פֿלעשלעך און איין שטאָך,
זי פֿאַלט אין שלאָף אַ באַזיגטע...

— — — — — — — —

בלאָ-בלאָ — גלין-גלאַן,
ווער צוימט אַ ווילד געשפּאַן
אין מיטן לויפֿן?
— גיי, ליידי, גיך
מיט שטערן אויף די שיך
אַ כּלה-רינגל קויפֿן...

גלין-גלאַן, גלאַן-גלין,
אַ גלעקל דין,
אַ באַלדאַכין,
עס בלויט און ראָזט אויף לאָנקע שויס,
אַ חלום פלאַנצט די שענסטע רויז.

שלאָף, ליידי, גוט, ווי דו ביסט שיין!
צוקאָפּנס וואַכט דער סאַניטאַר — —
נאָר ווידער באַלד אַ גרויל-געוויין,
זי פלאַקערט קאַלט, קאָנוווּלסיק שטאַר.

און וואָס דער איינשפּריץ איצט
ווען איר געהירן פּריריק בליצט
אין דולעניש פון סיי-ווי-סיי?
וויש בעסער אָפּ איר שוימיק מויל
וואָס שיקט ביז הימלען הויך אַ שפּיי.

אָ, שפּעטע שטערן אָן אַ צאָל
זיך צינדן הויך אויפן שפּיטאָל,
אַז דער טאָג זאָל כאָטשבי זען
ווי צו קומען פון דאָס ניי.

ח. דער מלאך

ס׳קומט ווידער זון צעליכטיקט פּריש
און ווישט די שאָטנס פון די ווענט.
דער דאָקטער ווײַס געהילט בײַם טיש,
עס גייט צום מלאך דער פּאַציענט.

ווידער טאָן ווי איך טו,
זײַן שטיל ווי איך בין
און טריפן רו, —
דאָס איז דער זין;
די ווונדן שייל
און גוטסן טייל
און הייל און הייל.

די דאַמע מיטן שוואַרצן הוט,
די דאַמע מיט די ווילדע האָר —
פאַרקעמט די זון איצט: גלייב כּי טוב,
אַ גוטן טאָג! אַ ליכטיק יאָר!

ט. די בלומען פון רחמים

כ׳האָב פון מײַן גאָרטן זיי גענומען,
דאָרט ווו אַ טרער אין די ערדן פליסט,
ווו כאָפּטעס בייזע בינען זשומען
און פון גיפטן צאַפּן זיי אַ זיס.

מײַנע בלומען און אירע טרערן
האָבן אין באַשערן זיך באַדאַנקט;
געזאָגט דער וועלט, אַז זי זאָל הערן:
דו, וועלט אָן רחמים, ביסט זייער קראַנק.

איך ווייס, צו קליין פאַר וועלט מײַן גאָרטן
און נישט פאַר איר מײַנע בלומען שיין.
דאָך תמיד וועל איך קומען דאָרטן
ווו אויף רחמים וואַרט אַ מענטשס געוויין.

און אָט די בלומען — פלאַמען־קאַמען
מיט שטענגלעך — רערלעך פון בלוט צו בלוט,
ווי אַ טראַנספוזיע פון אַ מאַמען
מיט אַ מילך־געטריף פון מאָרגנס גוט —

צו אַלע וווּנדן אין שפּיטעלער
און צו יעדער היים ווו אַ מענטש דאַרף גאָט.
און זאָל רחמים אין מענטשן־קעלער
פאַר אַלע ווערן גרעסט געבאָט.



אויפן ליד-מאָרגן

ווי ווידער?

אַז ווי ווידער די צירלעכע ווערטער
אינעם סאַמעט באַגלעט און געקאַרבט?
ווי מיט אײַך אין אַ וועלט אַ פאַרטרערטער
בײַ דעם קלונג פון חלפישער שאַרף?

גייט צוריק, שיינע ווערטער, צעגייט זיך.
איך וויל הײַנט ווידער בלײַבן אַליין;
טראַכטן שטיל ווי דער גלאָבוס פאַרשנייט זיך
און ווערט שווערער פון מענטשן-געוויין.

כ׳האָב געַנוג שוין די אַלע טשיקאַווע
וואָס פאַרדעקן דעם אוי און דעם שרײַ
מיט אַ גאָלד פון דער גאָלדענער פּאַווע
און מיטן פּלאַפּל פון פּאָפּוגײַ.

אַז צו וואָס אַלע רינגען און ראַנגען
אין געציקל פון קלאַנג און פון שריפּט?
אָט אַזוי, אָט אַזוי צינגלען שלאַנגען
אינעם זאַנגיקן גאָלד זייער גיפּט.

אָט אַזוי אויך די שפּילן און שפּאַסן
אין דער שפּינעכץ פון ווערטער-געוועב,
מיט די אַלע בורלעסקע גרימאַסן —
ביז ס׳ווערט טמא מײַן ברויט און געלעב.

פאַרוואָר, אַזוי האַרב: גייט, צעגייט זיך!
איך וויל הײַנט ווידער בלײַבן אַליין.
טראַכטן שטיל ווי דער גלאָבוס פאַרשנייט זיך
און ווערט שווערער פון מענטשן-געוויין.

אויפֿן ליד-מאַרק

אויך ער, דער אָדלער, אויך ער דאָ וואָלט
זיך שווער באַוועגט ווי טשערעפּאַכע.
דאָ באַפּאַרבט מען אַלץ מיט פֿאַלשן גאָלד,
מען פֿאַרבט מיט מלכות אַ ל ט ע ז אַ כ ע...

רעיונות קײַט מען — חילול השם,
מיט זשאַווער-גאָפּלען פֿון רובריקן.
גאָט פֿון ליד וויינט דאָ אין האַרטן קלעם
פֿון לאָמבאַרדן און אַנטיקן.

און לידער מעסט מען לויטן פֿאַרדיי:
שנײַד צו אַ סטראָף — אַ קוכן-פֿענעץ.

גיכער, זינגערמאַן, אַנטלויף פֿון זיי.
מיט דײַן פּעגאַז שפּרינג דורך די גרענעץ!

אַ ליד וועגן לידער — נאָדלען

זינט כ'האָב געהערט פון כינעזער מעדיקער
ווי מען היילט מיט נאָדלשטער אַ קראַנקן גליד,
זוך איך בײַ דיר, דו פּאָעט געגנעדיקער,
פאַר וועלטס חולאת די נאָדלען פון אַ ליד.

כ'זאָג צו לידער: זוכט אויס ווי אַ רפואה
פאַר די אַלדי ווייטיקן מיט אָך און עך.
פאַרלאָזט אונדז נישט אין טשערעפּאַכיק רוען,
היילנדיקע ווערטער שלײַפט און שטעכט און שטעכט.

כ'שטראָף די לידער: צי נאָר אַ שיינער ליגן
מיט גאָלד און זײַדנס אין איידעלן געשפּין?
ווי קאָן מען דאָס ווען אַלץ האָט אַלץ באַשפּיגן
און איעדער טאָג אויף ערד איז יום-הדין?

ניין, ליד איז נישט נאָר ווי אַן עובר-בטל
כּדי נאָכצוגיין לוויות מיט אַ קרעכץ,
צי גאָר מיט אַ געגראַמטן מידן מוטל
ברענגען טרייסט צו דעם פאַרמשפּטן פון קרעבס.

ס'וועלן צומאָרגנס אונדז פאַרשעלטן קינדער
פאַר אונדזער „סײַ-ווי-סײַ", פאַר דעם וואָרט אָן מוט.
טאָ נישט געוואַרט און לאָמיר שוין אַצינדער
ווי היילנדיקע וואַך זײַן בײַם שטורעץ פון בלוט.

און טו עס ווי די מעדיקער כינעזער
מיט מוט און רחמים בײַם קראַנק-פאַרלאָזטן גליד.
שטעך אָן פאַרכט פאַרן צאָרניקן געבייזער
און שלײַף און שלײַף די שטראָפּנאָדלען פון ליד.

דאָס פאַרבלאַסטע גאָלד

פון גאָלד פון אונדזער אָרעמער פּאַווע
ביז צום ליד-מאַרק פון גאָלדענער תּאווה —
סאַראַ מהלך!

פרעג די נפילים
וואָס האָבן פאַרגעסן אין מלאך.

די גאָלדנסטע פּען האָט פאַרזשאַווערט
אין ווייַנען פון מלכות-הילולאָס,
און די פּאַווע דערקענט נישט דעם זינגער
וואָס שיכּורט דעם רום-ספּירט און הוליעט.

די פּאַפּירענע קרוין הייבט זיך העכער,
דער טראָנשטול אַלץ שענער און ברייטער.
נאָר אין די לידער — דער שטערן,
אָט בלאַסט ער און אָט פאַרגייט ער.

דאָס איז דער זונקוועג
אַראָפּצו פון שפּיצן פון לייטער.

גיי פרעג בייַ נפילים
ווי פלוצעם צעברעכן זיך פליגל
און מלאכים אין שטויב פאַלן כּורעים.

פרעג בייַם פאַרגעסענעם וויגל
וואָס האָט אויך די פּאַווע פאַרלוירן.

דאָס פֿאָלקסליד

אַמאָל-אַמאָל געוועזן יאָרן
ווען דלות האָט געציילט מיליאָנען
מיט צימבלערײַען פֿון קלעזמאָרים,
מיט זינגערײַען פֿון קבצנים.

די טרער האָט גלײַך אַרײַנגעבליקט אין לידל:
מאַי קאָ משמע לן דער ניגון?
גיב אַ פֿריילעכס פֿאַר אַ טרויעריק ייִדל
צו הוידען זיך און וויגן.

די דינסט האָט דאַן געזען איר איידל פּרינצל,
דער געזעלן — זײַן טײַבעלע אין שטראַלן — —
איז יעדער לידקלאַנג ווי אַ מינצל
גלײַך פֿון גאָט אין האַנט געפֿאַלן.

און מען האָט געזונגען ווי אין בריוונשטעלער:
דאָס נעמלעכע צו הערן —
האַרץ און שמאַרץ,
טרערן-שטערן-ליבן...

הײַנט זוך איך עס אין טוכלען קעלער,
וווּ עס שווײַגן טויט פֿאַרחתמעטע אַרכיוון.

עפּיגאָנען

ווי ביַים אייערלייג די הינער
מיט פליגל צוגעפּלאַטשטע,
אַז חלילה נישט דער מינדסטער ציטער
און הענער זייער גבֿורות זאָלן נישט צעהאַנען —
אַזוי דער לידערלייג אין הינערשטיַיג
פֿון עפּיגאָנען.

די פּלאַכע קענדלער שטייען גרייט,
די ווילע קערנער אויסגעשפּרייט
און מען פּיקט צו זעט די פּשטותעריַיען.

אַ נס
וואָס אַ שאַקאַל נאָך וואַיעט
און וועט באַלד די רו אַריבערשריַיען.

אַ נס
וואָס דער ביסטרער פֿויגל פֿליט
און רייַסט מיט שאַרפֿן שנאָבלשניט
די הוילע לבֿנהשע באַלאָנען.

ס'איז די שרעק אין לידערלייג
פֿאַר די עפּיגאָנען.

אין אַ הייסן טאָג

אויף דער פרײַכנדיקער ערד,
צעבײַטשט פון תּמוזדיקן גליִען
האָט אַ קאַצעכע געשריִען.

אַ קאָטער, שוואַרץ און הויך,
מיט זײַן נאָגל האָט געקריצט איר בויך:
וואָס דײַן מיאַו און וואָס דײַן אוי —
איך וויל אַזוי!

אין דער זעלבער שעה האָט קאַלט און מיד
אַ גאַסט געלייענט זײַן ליבעליד
פון וועגן זײַן שולמית: זי —
אַ טויב אין פלי,
אַ רויז אין בלי;
זי — ווי פּליוש
אין פוך פון קוש,
און ווידער נאָך און אַלץ אַזוי.

אין דרויסן האָט די היץ געהיצט,
דעם קאָטערס נאָגל האָט נאָך אַלץ געקריצט
און ס'האָט די קאַצעכע געשריִען: אוי!

זיך אין ברענערן דערמאָנט

ווו מיט פישיויך זיך געלאָבט,
ווו מיט גריוון זיך געקוויקט,
האָט ער געזען דעם צאַנק פון ליכט
אַראָפּ, אַראָפּ —
אַז שבת קומט נישט מער צוריק.

ווו דער גבאי האָט כּבודיק פאַרטיילט
דעם „מי שברך“ צו אַ לאָרד,
האָט ער זײַן בידנעם גראָשן אָפּגעציילט
מיט רחמים אויפן גאָלד
פון גאָטס באַליידיקט וואָרט.

זײַן פּנים ברענט נאָך אין די נעפּלען טיף
מיטן פאַרבאָרגענעם טרערנטריף
אַריבער קרעמערשילדן פון דער ייִדנגאַס,
וואָס האַנדלט און פאַרוואַנדלט
גאָטס אַ פונק
אין פּוסט-און-פּאַס.

און איצט אַז כ׳גיי אויף הויפן דאָ
אין אַלטן ווײַטשעפּל פון לאַנג —
הער איך אים, יוסף חיים, לויפן דאָ
און שרײַען:
פאַלק, ביסט קראַנק!

וואָס בלום, וואָס זון

זאָגסט: בלום
און מיינסט דעם ראָז און בלוי
פון מאָרגנטוי;
בלום אָן ערדנשלונדן
מיט דאָרשט און ווּנדן.

זאָגסט: זון
און זעסט דערין
נאָר גאָלד און גין,
ווי גלעט פון טרייַע הענט,
און זעסט נישט אין חמסין
דעם שפּריי פון אַש,
ווי זון פאַרברענט,
ווי זי פאַרלענדט.

אַוווּ די ערד אין ווייִקן פאַרנעם?
ווּו די וואָרצלען אין אַנגסטיקן פאַרקלעם
פון זון אַדורכגעבריט?

ניין, כ׳וועל נישט פאַרגעבן דעם חילול השם
אויף אין איידלקייט פון ליד.

מאָדעס

די יופּיצע פון מײַן באָבע דאָבע
האָט נישט געחלומט פון קיין מאָל אָן
אַז איר „אינטערניי" און „איבערציג"
וועט זײַן דער סעזאָן-פּאַסאָן
פון טויזנט נײַן הונדערט צוויי און זיבעציק.

די יונגע דאַמע גלעט דאָס קלייד און מעסט
און זעט נישט דעם פּאַרמאָדעל — אַ מת.

דערפריייט וואָס שפּאָגל-נײַ באַנייט,
טראָצלט זי קידער-ווידער אין איר קלייד
מיט אייגנלויב צו אירע נײַע-נײַסטע גוסטן.

נאָר דאָס הינטל וואָס לויפט פאַר איר פּאַרויס,
ער ברומט פון זיך אַ ביל אַרויס
אויפן שאָטן פונעם קלייד —
דעם פּאַרמאָדעל דעם אומבאַוווּסטן.

זײַן ביל דערגייט אויך צו מײַן אויער
אין געשאַר און שאָרך פון קליידער.
ער וועקט אין מיר מײַן דורכגעטראַכטן טרויער,
אַז אייביק אונטער זון דער זעלבער סדר.
און ווי עס טראָצלט זיך די נײַסטע גאַרדעראָבע —
זע איך די יופּיצע פון מײַן באָבע דאָבע.

בײַם באַשיצער

— צי דען נאָר פֿון קרוינען און אויבנאָנען
לעבט און שוועבט אונדזער ערדישע קאָמעטע?
צי לעבן נישט אין ים אויך די פּלאַנקטאָנען
מיט זייער לעבעניש די שטום-סעקרעטע?

אַזוי פֿרעגט מיך דער וואָרטמאַן דער געניטער
און ער קלאַפּט מיט זײַן פֿעדער אינעם טינטער.
נאָר איך — איך ווער אַלץ בייזער און צעגליטער,
ווײַל זײַן כּוונה ווייס איך ווי ער שפּינט איר.

טאָ זאָג איך בליציק-גיך און שטורעמווינטיש:
דו ווילסט, דו ברענגסט — לידס ווערטער צו פֿאַרדאַרבן.
און גלײַך דערזע איך בײַ זײַן טיש אַ טינטפֿיש
וואָס בריט אים אָפּ מיט מײַנע בלאָע פֿאַרבן:

— אַוודאי יאָ, אַ זכות אויך די פּלאַנקטאָנען
מיט זייער לעבעניש די שטיל-געהיימע.
נאָר אַלץ אין ימס גאָר טיפֿע מערידיאָנען,
אין טיפֿקייט האָבן אויך אַ זכות די קליינע.

ווערן בייז אויף מיר זײַנע אונטערטאַנען
און זיי אַלע שטוינען און מיך באַשימפֿן.
נאָר איך בלײַב טרײַ צום ליד — די אָקעאַנען
ווו פּלאַנקטאָנען שווימען אַרום אַ נימפֿע.

אין פרעגן

וואָלט איך געקאָנט ווי אַ קינד
בײַ ווינטלס אַ בלאָז
אויף אַ ליאַלקעלעס נאָז
אײַנשטילן מיט שפּיל
דעם שטוין און פּאַרדראָס.

נאָר אַצינד,
אין וועלטיקן שווינד,
אין היפּער-געלויף,
אין שפּרונג און אַנטלויף,
ווען יעדער בײַט פון מעת-לעת
איז פּאַרראַט און פּאַרגעס —
ווי נאָך אין לידער דער שפּיל
און פּאַרהיל?

באַלויערט, באַוואַכט
סײַ בײַ טאָג סײַ בײַ נאַכט,
פּרעג איך בײַ שטעט: וווּ איז וווּ
דער אינדזל פון רו?
אויך פון דאָרפישן פּליין
הער איך אַרויס דאָס געוויין.
און כ׳מוז פרעגן בײַ זיך
און בײַם אייגענעם ליד:
צי בין איך נאָך א י ך
אינעם גרויסן יאַריד?

צום פאַרבלאָנדזשעטן

צו קליין דיר דײַנע דלד אמות,
צו מינער אויך דער מענטש וואָס סתּם איז —
און לויפסט צו גאַסן, צו דער צירק-אַרענע
דאָרט צו פּרוּוון דײַן שטײַפנדיקן מוסקל,
זײַן אַ גיבור ווי אַלע צירקלײַט זענען
און קיינער זאָל דיך, זינגמאַן, נישט דערקענען.

דאָס גאַנצע חיהוואַרג דאָ פּליוסקעט,
די פײַערן אַרום די לייבן ברענען,
און זעסט איצט מאַגיש די קראַפט און מוט פון חיות
און לויבסט אויך דעם קלאָון
פאַר זײַן קרימעניש און גרימעניש
מיט מענטשס פאַרחיהשטע העוויות.

דו האָסט ווען געזוכט גאָטס פּנים אויפן וואַסער,
זײַנע ערשטע שפּורן און קאָנטורן
פאַר וועלטס געבוירן,
און זע און זע, ווי האָסט אים פאַרלוירן
אין לייקענונג פון אַלץ וואָס ביסט געוועזן.
דיך ציט אַצינד דער רום פון די טראַפּעזן
און ביסט אויך גרייט אַ שפּרינג און לויף טאָן העט
מיט דײַנע שטראַליקע פּעדאַלן.

איך וואָרן דיך פאַר דעם געוועט,
פאַרבלאָנדזשעטער פּאָעט,
וועסט דאָרט אין רוישיקן שיגעון פאַלן!

אַ ליד וועגן פידלמאַן

ס'איז ער, אונדזער פידלמאַן דער תּם
אויף זײַן שיפל אין בלאָען עטער.
אַ גאָלדפיש זוכט ער און וואַרפט אין ים
זײַן נעץ וואָס פון גן-עדן-בלעטער.

ס'ווערט נישט מיד זײַן בויגן הין-און-הער,
ווייך-הינערפלעטיק, מאַרצעפּאַניק.
ס'איז נאָך אַלץ די ווייכע האַרץ-שמאַרץ-טרער
וואָס עלטער ווי די שיף „טיטאַניק".

איך קוק אין זײַנע וואַסעראויגן
און נישט אַן אָפּגרונט זע איך דאָרטן.
אַ זעגל וויגט זיך אײַנגעבויגן
און גלעט די רו פון פלאַכע פאָרטן.

איך זוך אומזיסט דעם שווונג פון שטורעם,
די ווײ און העזה פון מאַטראָסן;
דעם ים וואָס רײַסט זיך פון זײַן פורעם
און צעשנײַדט אַליין זײַנע מאָסן.

ניין. ער גלעט דיך, אַלטע מוזע,
מיט באַנגע מינעס, זיס-פאַרטערטע...
דער ים ווערט בייז, באַלד אַ מאַדוזע
אַ שפּרינג טאָן וועט אויף זײַנע ווערטער.

און זאָלצן וועלן אים צעברױען
מיט פײַערן פון גרונטנס ברענען.
און זאָל — כ'וויל בעטן פאַר זײַן זכיה:
ער זאָל דיך, ים, סוף-סוף דערקענען.

ביז ער בײַ זיך, אין שפּיל לונאַטיש
מיט פייגלמילך און שטערנטויבן —
בײַ זיך אַליין וועט ער פּיראַטיש
זײַן פידעלע פון זיך באַרויבן

און צו דיר, ים, אַ וואַרף טאָן: נעם עס,
מיט פעלדז צעשטויס עס דו אויף שטיקער.
דערמלט וועט ער הערן ליד פון אמת,
דעם ים אין האַרץ — וועלטס תּוך און עיקר.

צום שׂר פון ליד

א

אומזיסט מיט לויבן אָנגעזעטיקט,
סײַ ווי בלײַבט דער געלויבטער גיריק.
דאָס איז די קרענק פון דער פּאָעטיק,
דער קרעבס פון רום, די פּאַנעגיריק.
און ווען איך נצחס גראַנד-סאַלאָנען,
ווו ס'וואַרט דער אמת אויפן ליגן,
וועט מען אונדזער זינד דערמאָנען,
וואָס מען האָט יאָרן לאַנג פאַרשוויגן —
וועל איך נישט בעטן קיין פאַרגעבן
פאַר לידער-גרײַזן פון מײַן לעבן.

ב

ס'קומט די שעה, דאַנטע וועט מיך פירן
צו זײַנע הייסע פּאַוויליאָנען,
ווו לידער שווײַגן און פאַרפרירן
און קיינער וועט פאַר זיי נישט מאָנען.
דאָרט זאַמלט זיך אַ באַרג סקעלעטן
פון שמות בײַ די הימל-טראָנען.
וועל איך דאָרט זוכן די פּאָעטן
וואָס נאָר מיט שווײַגן איצטער קאָנען
אַזאַ שרײַ טאָן דורך אַלע רוימען —
ביז צום פּלאַצן פון דײַנע קרוינען.



ליכטיקער מנין

אַ קול זאָגט

אַ קול זאָגט: וועסט נאָך געפינען,
ביים סוף פון נאַכט לאָז זיך נישט פאַנגען.
דיין טיר האַלט אָפן צו באַגינען
און פאַרן טאָג צערוק פאָרהאַנגען.

נאָך אַלע פייערן געצאַנקטע
ועט ווידער ליכט, דיין ליכט דערמיניען.
דו וועסט דערזען דיינע פאַרלאַנגטע,
דו וועסט באַגעגענען דיין מנין.

זיי זענען ערגעץ נאָך פאַראַנען,
אין דער וואַרטעניש תמיד גרייטע
ווידער צו חלומען בייזאַמען
חלומות קיין מאָל נישט באַשיידטע.

איך הער דאָס קול, כ׳הער אויך דאָס בת-קול
און דער באַגינען ווייזט אַ סימן.
באַלד פאַלט אַראָפּ וועלטס שוואַרצע מאַסקע
און איך געפין צוריק מיין הימל.

בײַם לעצטן פֿונקל

צו אַברהם סוצקעווער,
דעם בן־שישים לגעזאַנג

אויב שקיעה האָט פּלוצעם פֿאַרטונקלט
אַלץ וואָס די זון האָט באַהעלט
און ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן אַ פֿונקל
חצות-ליכט אין אַ געצעלט —
טאָ וועלן די וועגן מיך פֿירן
דאָרט ווו דאָס פֿונקל נאָך ווינקט,
ווו אַ הייליקייט, אינו-נראה,
אין דער פֿאַרהוילנקייט זינגט.

אַהינצו וועט וואָגלען מײַן חלום,
ווײַל כ׳ווייס אַז דאָרט דער באַשייד.
דאָס פֿונקל טוט ווינקענדיק מאָלן
אויף דער נאַכטס קאַנווע אַ פֿרייד;
דאָס פֿונקל אין טונקל טוט שפּינען
אַ פֿאָדעם ליכט ביזן ראַנד,
צו פֿאַרקניפּן מיטן באַגינען
הימלען מיט ערדישן לאַנד.

נאָך יאָרן פֿון יתום-געשרייען —
איינער צום צווייטן פֿאַרפֿרעמדט,
וועל איך ווידער ווי צוויי אין צווייען,
מיט גאָטס שם אויף מענטש באַשמט;
מיט טרײַשאַפֿט פֿון לײַדיקע ברידער
נאָך וואָגל ווידער דערקענט —
אָט דאָרטן, בײַם פֿונקל, דאָרט ווידער
וואַרעם אויסשטרעקן די הענט.

איך וועל דאָרט נישט פֿאַלן כּורעים,
די ליפּן פֿאַרפּרעסן אין שטויב,
אויך נישט ווי בײַם מלכּס טויערן
שאַלן מיט אַכפּער און לויב.
ס׳וועט יעדער זײַן הנני-העָני
זאָגן גאָר שטיל און פֿאַרקלעמט,
מיט דער זעלבער טרער אויפֿן פּנים
בײַם לעצטן פֿונקל וואָס ברענט.

צווייקאַליריק

פון לאַנגאַנען, זינט מײַן זיידע
האָט פאַרמורמלט מיר אין אויער
דעם בראשית און עקדה
מיטן סוד-שפּרוך פונעם זוהר —
זע איך קוואַל און פלאַם — דינורן,
זון און שלאַנג אין יעדנס שפּורן,
און אין פלאַטער פון וווּנדיירים
הער איך וויינען מענטשס געדערעם.

תּמיד צווייִק, וווּנדער-ווייִק
זיין געמורמל אין מײַן אויער.
ווי זײַן טלית צווייקאַליריק
טײַטשט ער מיר דעם וועלטן-דויער:
אויף ווו הימלען שלווה-בלויע—
כמאַרעט תּוהו, שטורעמט בוהו;
וווּ דו מיינסט אַז לײַכט דער קלעטער —
רירט אַ פעלדז שוין צום צעשמעטער;
און וווּ זעסט ווי זונען גילדן
אין דער גרינקייט פון די בייטן —
קאָן דער חושך ווידער ווילדן,
מילב און מענטש צוזאַמען טייטן.

הער איך אויס די אַלע טײַטשן
און מיר דאַכט אַז אַלץ און אַלעס
ווי אין צונד פון בליצן-בײַטשן
זיך צעפײַערט אין זײַן טלית.
אויף מײַן פעלד ווערט פּלוצעם מידבר,
אַ געוואַלגער זאַמד און שטיינער,
און עס גייט צו מיר אַ הידרע,
גלײַך צו מיר געשטרעקט די ציינער —
זע איך וואָלקן, זע איך פײַער

אויף מײַן פעלד און וואַלד און שײַער
און עס וואַקסן מײַנע אַנגסטן
אויף דעם אַלץ וואָס איז מיר טײַער.

זאָג איך: זיידע, גוטער זיידע,
ווּ דײַן טרייסט ווען טאָג פֿאַרפֿינצטערט
און די פֿרייד פֿון מיר פֿאַרשווּנדן;
וואָס זאָל טאָן אין זון דער בלינדסטער
ווען ווּנדיירים ווערן ווּנדן?
גיט אויף מיר זײַן בליק אַ נישטער:
וואָס דײַן פּחד, דײַן חיפּזון?
ווייסטו נישט אַז גאָר בניסתּר,
ווּ ס'איז פֿינצטער — שפּראָצן גראָזן?!
און ער טײַטלט פֿון זײַן טלית:
ווייס, בראשית — אַלע יאָרן!...
ווערן שטילער מײַנע שאלות,
פֿון זײַן ענטפֿער הייבט אָן קלאָרן:

בראשית — תּמיד, אומעטום.
יהי אור — פֿון נאַכט און תּוהו!
זע איך ווידער די גרויסע זון
אין די זאַנגען, אין די שטרויען.
גרין און גאָלדיק דאָס פֿעלד אַרום.
זאַנג — דורך ווייץ, ווײַנשטאָק — דורכן ווײַן;
אויך איך — מיט ליד לאָז איך הערן
אַז מאָרגן נאָך אַ טאָג וועט זײַן!

און די נאַכט שפּרייט זײַן טלית
צווייקאָלירק מיט ווּנדערוויי —
זינג איך אים מײַן שיר המעלות
פֿאַר זײַן גענאָד וואָס תּמיד צוויי.

פּעטער שמואל

לכה דודי — דיר אַנטקעגן, גוטער פּעטער.
איך, דאָס ייִנגל אויף דער שוועל בײַם ווײַטן דרך.
אַצינד, אין עלטערטאָג, אין שעה וואָכיק־שפּעטער —
ווידער דײַנע טריט די שבתדיקע הער איך.

כ׳בייג מײַן פּנים צו דײַן גאַרטל, ס׳וואַרט מײַן אויער.
מײַנע פּאות זיך צעוואַרפֿן און צעלאָזן,
צו הערן סודותדיקע שאָרכן פֿונעם זוהר,
ווי פֿאַרשפּינסט זיי מיט מחשבות פֿון שפּינאָזען...

און אַז דו שווײַגסט — הער איך לידער און געברומען.
אַזאַ וואָגל פֿון דמיונות — קלעטער, וואַנדער.
כ׳זע אַ האָרל פֿון דײַן פּאה ווי אַ סטרונע,
זי ציט זיך און זי ציט זיך צו אַ וועלט אַן אַנדער.

שפּרייטסט רמזים און פֿאַרזייסט אין מיר דײַן שווײַגן
מיט ציטער פֿון די ברעמען אויף טיפֿע אויגן.
זע איך וועלדער ווי זיי וויגן לאַנגע צווײַגן,
אויף יעדער צווײַג — הללויה, דודס בויגן — —

סאַראַ זמירות! אויפֿגעשפּילטע דממה דקה —
ממעמקים, פֿון דער נידער — ווי געהויבן!
און דער קין אין אויוון אַזוי העליש פֿלאַקערט
קעגן שניישיט און דעם פּראָסטבלי אויף די שויבן...

איז אויך איצטער, ווען געבויגן שוין מײַן נאַקן,
דאַכט מיר ווידער: אָט אָ קומט ער, אָט אָ וועט ער...
און ע׳ס שפּילט נאָך ווי אַ פֿידל ממרחקים
דײַנס אַ שווײַגן, דײַנס אַ רמז, גוטער פּעטער.

און בדמיון צו דײַן טיש דאָרט קום איך אויבן,
מיט דײַן ליביקייט אויך איצטער זיך צו טיילן.
איצט איז שבת, דאָרטן פאָכען זיבן טויבן
און עפּל פון גן-עדן אַליין זיך שיילן...

וואָס זשע זוך איך איצטער דאָרטן? קיין מעדנים,
נאָר דיך אַליין, דײַנע זינגיקע געשאַנקען.
לכה דודי — גוטער פעטער, ביסט נאָך פאַראַנען
און אַלץ וואָס זינגט אין מיר — קומט דיר צו דאַנקען.

דערמאָנונגען וועגן ספרים און ביכער

א

למה עזבתּני? —
האָט מיך געפרעגט אַ קול פון אַלמער ספרים.
און ס'איז געווען מײַן ענטפער:
ווײַל איך בין אָרעם;

ווײַל האָסט פאַר מיר פאַרמאַכט דײַן ברונעם,
די ציטערן פון האַרץ אַוועקגענומען.
וווּ די צינדפרייד בײַ אַ מיצווה?
וווּ דער פּחד בײַ די לאַוון?
און וווּ געזאַנג אין אָטעם
ווען איך דאַוון?

אַז ווי?
זאָגסט ו א ה ב ת —
און איך פיל נישט מער דײַן טוליע.
כּ ל ע צ מ ו ת י תּ א מ ר נ ה — וויל איך,
מיט הענט און פיס,
באַהאַרצט און זיס,
און נישט ווי דער קלאַפּ דער טרוקענער
פון בעטלערס קוליע.

למה עזבתּני? —
האָב איך צוריקגעפרעגט בײַם אַלמער ספרים:
וווּ מײַן שׂימחת-תּורה
ווען איך נעם די הייליקייט אויף מײַן אָרעם?
ד ו האָסט מיך פאַרלאָזט
ווי אַ שעפּס אין טרוקן גראָז,
פאַרגעסן ווי אַ שאָף אין פוסטן האָפן —
און דווקא מיך, וואָס מײַנע אויגן תּמיד גאָפן
מיט פרייד פון יעדן טאָגס באַשאָפן.

קיין ענטפער האָב איך נישט געהערט,
נאָר ספרים האָבן זיך געבלעטערט
מיט פסוקים און מיט טראָפּן...

ב

ווערטער, קלאַנגען — ווידער ווידערט
קול און בת-קול פון אֵין-סופן.
כ׳זוך אַ תּפילה, און אין לידער
האָב איך ווידער גאָט געטראָפן.

איך וואָס בעט מער נישט צו קיינעם
ווײַט פאַרפרעמדט פון אָדון-עולם —
ווידער האָב איך גאָט מײַן איינעם
אין געזאַנג פון מלא-עולם.

בײַ אַ לעמפּל אין חצותן
שײַנען ווערטער קעגן חושך.
ווידער גאָטס אַן אות טוט אותן
און צעוויגט מיך און צערוישט מיך.

טיפער ווונק פון אַלף-ביתן,
סוד פון שפּראַך און שפּראַך פון סודות.
ניין און ניין! דערפון נישט וויסן
זאַטע מיט די פולע גוידערס.

זיי איצט כראָפּען און פאַרשלאָפן.
דו, מײַן לעמפּל — נישט געלאָשן.
דאָסטאָיעווסקי פאַר מיר אָפן
מיט די טענות פון אַליאָשאן.

און אין סוד פון אות און ווערטער
צו מיר שטערנט פון די רוימען
געטהעס ווייבלום — יונגער ווערטהער
מיט זײַן לייד און זײַנע טרוימען.

שטערנוווּנק און שטערנפֿאַלן —
אַלץ אין ווערטער אויסגעגאָסן;
אַלע קלאָגן און געשאַלן,
אַלע וווּנדערס און פֿאַרדראָסן.

טריף פֿון בלוט און טריף פֿון רחמים —
אַלע טרערן און אַלע שטערן.
צי ס׳איז פּרץ, צי ר׳ נחמן,
צי פֿון רילקען און באָדלערן.

אַלע, אַלע ווערן נענטער
ווען די רחמים־פֿײַערס ברענען.
אי אין פּעלצל פֿון בעל־שם־טוב,
אי אין שטיוול פֿון יעסענין.

אַלע טײַכן ציִען כוואַליק
צו דעם ים וואָס טיף און אייביק.
א ל ה צ פּ ו ר — פֿון דיר, ביאַליק.
א ל ה ג ו א ל — פֿון דיר, לייוויק...

אַלץ האָט צוגעזען דאָס לעמפּל,
ס׳האָט די קנויט מיט מיר געפֿיבערט.
אויך מײַן שאָטן אויפֿן ווענטל
האָט מיט מיר בײַזאַם געלידערט.

צו אַן ערגעץ ווײַט פֿון דאַנען
איז מײַן האַרץ אין גלי געלאָפֿן
ביז באַגין, ווען ס׳האָט מײַן מאַמע
מיך גערופֿן: גיי שוין שלאָפֿן.

לעצטער שטערן האָט געצאַפּלט
דורך די שפּאַלטן פֿונעם לאָדן
און צעלויכטן אין מײַן אַפּל
סוד פֿון אות, די שפּראַך פֿון אָדם.

פון אַן ערגעץ ווײַט פון דאַנען
האָט מײַן האַרץ געאָטעמט הימנען.
כ׳האָב דערפילט ווי לידער גראַמען
מיך צונויף מיט ערד און הימלען.

דער זקן פון מחנה-יהודה

דורך אַלע שטעלן און טירלעך
פירט אימפּעטיק זיכער מײַן גאַנג
פון אַלץ וואָס איז גאָלדיק און צירלעך
צו דעם וואָס איז גלייביק פון לאַנג.
איך קום צו דער אָרעמסטער שוועל,
צום שטיבל — פיר איילן אַ שפּאַן,
צום הויז וואָס איז לאַנג שוין אַ תּל
און היט נאָך דעם ייִחוס: ר מ ב ״ ן.

מען קען קוים דעם איינעם אָט דאָ
פון ציבעלע-האַנדל, נישט מער.
דער מאַן וואָס איז גראָ שבגראָ
און ווייַזט נישט פאַר קיינעם זײַן טרער.
בײַ טאָג איז זײַן איינציקער שטאַנד
אין מחנה-יהודה די שטעל.
מיט ציבעלע-בינטלעך אין האַנט
קומט ער אָוונט קריק צו זײַן שוועל.

בלויז עטלעכע גראָשן געלייזט
דורכן גאַנצן טאָגיקן ברען.
אין אָוונט איז איינע זײַן טרייסט —
די אַלטע די געגנדזוענע פּען.
די בלעטלעך פאַרמעט פאַר אים
און שירים שרײַבט ער דער מאַן
מיט חסד פון אל אלהים
לכּבוד דעם גרויסן רמב״ן.

ציבעלעס שוויַיגן אין ווינקל
גערולדיק ביז מאָרגן-פאַרקויף.
דאָס פענצטער איבער זיי פינקלט,
אַ מילגרוים אַ גרויסער גייט אויף.
ער שטיַיגט פון דער גענדזענער פען
און נעמט אַלע געסלעך אַרום
מיטן חסד פון איידער און ווען,
מיטן געטלעכן שם אומעטום.

דער מילגרוים דער גרויסער פאַרשפּרייט
זײַן בלאָ און זײַן גאָלד איבער אַלץ,
אויפן זקנס צעריסענעם קלייד,
אויפן פענעצל ברויט מיטן זאַלץ.
ירושלים שטייט דאָ אין שויב
און וווּנדערט זיך אַלץ נאָך: צי דען? — —
ווי שירימשער גאָלד גילדט דעם דרויב!
ווי עס קוואַלט די גענדזענע פען!

אַלץ טיפער די נאַכט, שאַ און שטיל.
פאַרגעסן דער טאָג מיט זײַן ברען.
עס פרווט אים דערמאָנען אַ גריל
פון וואַנט בײַ פאַרמעט און פען.
באַלד לעשט דאָס ליכטל זיך אויס
און בײַם טיש שלאָפט אײַן דער מאַן.
נאָר ס'שײַנט נאָך דער מילגרוים גרויס-גרויס
לכבוד דעם גרויסן רמב"ן.

צו יהואש

טיף אין וואַלד שטייט מײַן געצעלט,
קיינער וועט צו מיר נישט קומען.
יהואש

א. מיר קומען

און דאָך — מיר קומען צום געצעלט אין וואַלד פאַרבאָרגן,
דאָ, אין רחובות, בײַ שוועלן פון דײַן נעסט,
צו אַנטפּלעקן אין ליכטיקייט פון מאָרגן
דײַן פאַרבאָרגעניש אין זינגענדיקן נס.

אָט איז דײַן ברוש. ווי הויך אַרויסגעוואַקסן,
אויף צו אייניקן מיט הימלען דאַך און וואַנט.
די פּאַלמע זע, די אויסגעשפּרייטע אַקסלען,
און אויף איר אַ בריק זיך וועלבט פון בלאָען ראַנד.

דאָ זענען זיי דײַן ווענוס און שולמית,
אין פּראָסטן לײַנען-טוניק אָנגעקליידט.
בײַ ברוש און פּאַלמע, אין דער היץ פון תּמוז
חלומט זיי דער שניי פון דײַנע איידלרייד.

דערוואַנדערט דאָ פון אין זונן און נעבעל,
פון דײַן גרויסער פּילגערשאַפט וואַלד-אײַן וואַלד-אויס —
דײַן אין געוועב מיט פולער זון צו וועבן,
דאָ, אין רחובות, אויף דײַן פאַרגעסן הויז.

אָט יאָגט אָן אַ שטראַל צו דעם שאָטן-ווינקל,
ווי דײַנס אַ טרוימהירש אינעם געלויף,
און זון דורך צווײַגן, מיט איר גאָלד צשפּרינקלט
גראַוויירט דײַן נאָמען אויס צו באַנײַטער לויב.

זי עפנט פענצטער, זי צעוויגט די לאָדנס
און דייַנע כּתבן צעהעלישט זי אויף וואַנט.
דייַן געוועב באַהעפט אַהער אַ פֿאָדעם,
מיט ליכט וואָס ציטערט אויף אַ געהיימער האַנט.

ס'איז זי, דאָס אַלטע מוטערפעלד — יונגפרוייִש,
וואָס דערוואַרט דיך אויף די שוועלן פון דייַן הויז.
צו ווייַטע וועגן רופט זי איצט: י ה ו א ש
און ווישט דעם טויט אַראָפּ פון דייַן ט ו י ט ע ר ו י ז.

ב. דער פּילגער

צום נביא-לאַנד האָט ער געוואָגלט
מיט פּורפּור-מאַנטל אויף ווונדיק לײַב.
מיט גאָטדאָרשט פול געוועזן זײַן לאָגל,
און נאָר אים אַ ווינט וואָס צינדט און טרײַבט.

מיט אופיר-קעמלען אויף די ראַנדן,
נאָך אַ קאַראַוואַן מיט אַלטן סוד,
האָט ער געשפּרײַזט אויף הייסע זאַמדן,
באַגלייט מיט בליצן פון אַ געבאָט:

לך לך! — און ער איז געגאַנגען
מיטן שווערן לאָגל אין זײַן האַנט,
ביז דער מידבר האָט אים געפאַנגען
מיט אַ קוש פון שטערן אויפן זאַמד.

און ס׳איז דער פּילגער אָנגעקומען
צו דעם האָריזאָנט פון זײַן פאַרלאַנג.
זײַן ריסיק מאַנטל דאָרט באַשפּונען
מיט די פאַרמעטן פון לאַנג, פון לאַנג.

פון באַרגשפּיץ האָבן שטערן הויכע
דעם פּילגערס ליפּן צו זיך באַהעפט.
פון פעלדזן האָט געשטראַלט א נ כ י
און אים געהויבן אויף סיניס טרעפּ.

אַ פּיצל ביימל איז דאָרט געשטאַנען
און ר׳האָט עס באַוווּנדערט: מה נאה!
ס׳האָט אים באַקליידט מיט בלאָע פלאַמען,
מיט דער געטלעכקייט פון קליינעם סנה.

דער מאָלער זאָגט

באַי די לייַוונטן פון מאָלער בעז

אייל צי וואַסער איז דער חומר —
גליווערדיקע פּלאַסטיק.
און נאָר די האַנט און פּענדזל — די צעשווימער —
זיי געבוירן די פאַנטאַסטיק.
ביז נאָדלש-שאַרף און ווינטיש-האַסטיק
הייבט אָן צו מיניען
מיט זון-עליפּסן
און שטערן-פּינטלען-ליניען.

אַז וואָס איז אייל און וואַסער? —
אַלץ קאָן טרוקן ווערן,
אויך שמיריק זיך צעמאַזשען אָן אַ מראה.
נאָר ווען דו מישסט אַרייַן באַגערן —
הייבט אָן צו יערן און צו ווערן
און אָט — אַ פייַער דורך אַ כמאַרע!
לאַוועס רירן
און שטייסט ביַים וווּלקאַן פון קאָלירן!

און זע, ווי אייל און וואַסער שיַינען, וויַינען
אַרום אַ פּינטעלע, אַ שפּריץ גאָר דינינק —
אַז אויך אין קעמערלעך פון בלוט ווערט זיניק
אין אָנצינד פון קאָלירן-חומר,
ביז די ענגע אייגנוועלט
מיטן רעגן-בויגן קוועלט
אַלץ מער אַסטראַליקער, וועלטאַליקער
און שפּעדיק גערוימער.

אַ פֿרײַנד

נאָך די „פּינשליס" און נאָך „גאָלדערסגרין" *
אין קרעמערזשום פֿון דער גאָלדנבין,
מיט מײַן לערער קעשענע קום איך
און מיט איר, מײַן לידערבין, זשום איך
צו דעם וואָס גלעטיקט דעם „תּניא"-בלאַט,
צו אַנשל זײַנוול, דעם איש חב"ד.

זײַן בליק צו מיר — שאַרף, טיף-דרינגענדיק,
מיט שאַ-שאַ, שאַ-שאַ, מילד-זינגענדיק.
נישט מײַן נאָמען פֿרעגט ער, נישט מײַן לאַנד,
נאָר גאָר וואַרעם פֿלעכט ער איַין זײַן האַנט
און בעט אין געזעמל מיך אַרײַן
צו פֿרישע זעמל, צו אַלטן ווײַן:

— אָ, אַוודאי מיד, ר' אורח ייִד,
פֿון גאַנצן לאָנדאָן, פֿונעם יאַריד,
כאָטש אמת, אַז גאָט אויף יעדן אָרט,
נאָר דאָך, ר'איז מערער ווו גאָטס אַ וואָרט...
און שוין — זײַן ברכה, אַ מורמל פֿרום,
און די ליכט באַשײַנען אַלץ אַרום.

ווערט מיר אויך וואַרעמער און בעסער
בײַ דעם בעכער און בײַ דעם מעסער
ווו ברכה לײַטערט איצט די ווײַנען
און ברויט און זאַלץ טוט זיך באַשײַנען
מיט „דעת" און „בינה" פֿון גאָט-סוד.
אויך איך, דער פֿרעמדער, אין קאַראַהאָד.

* קוואַרטאַלן אין לאָנדאָן.

אויף מײַן ניכטערקייט דאָ צעצינדט זיך,
מײַן וואָגל-פֿרעמדקייט דאָ פֿאַרבינדט זיך
נאָכן לאַנגן בלאָנדזשען איין-אַליין.
און כאָטש כ׳בין נישט ראוי, זיכער ניין,
צו זײַן אין מנין אַ גלײַכער צד —
דאָך טרעפֿט מײַן ליד זיך מיט איש חב״ד.

איך זאָג צו אים: ס׳איז נאָך נישט „נעילה״
און אַלץ אין מענטש נאָך נישט גאָרילע
אויב נאָר ניגונים זיך געפֿינען;
אויב נאָר דײַן „דעת״ ווייס מײַן זינען;
דאָס איז איין וועב, צוויי מינים בײַמוול —
זאָג איך צו אים, ר׳ אַנשל זײַנוול.

און וואָס מער שטילער — אַלץ ד׳ערהערטער,
איך געזעגן אים, גאָר אָן ווערטער,
נאָר אויגן גרייכן ביז די דנאָען
אין גרויסן גליק פֿון אַ נסיון:
וואָס פּאַראַ פּערל דאָרט דערינען
אויב נאָר ניגונים זיך געפֿינען...

איך געזעגן אים, דאָך נישט צעשיידט,
אַזאַ שטילער ניגון מיך באַגלייט
וואָס הייבט אונטער מיר די מידע טריט.
אַ קול, שאַ-מילד, זינגענדיק גייט מיט.
איך גיי אַליין און בין דאָך נישט אַליין.
מיר דאַכט, ס׳ווערט ווייך אויף לאָנדאָנס שטיין.

בײַם ליכט-טיש אין האַאַג

פון פלאַכלאַנד אין װײַנטשפּיל מיט מילן,
פון לאַנדישן אַלע — תּם-גרינע געהילן —
צום טיש פון זיניקסטער העזה,
װוּ ס׳האָט געשליפן שפּינאָזע.

זע-גלעזער קלאָרסטע, גאָט-פּאַראַגראַפן:
װי װידער, װי נײַ צו באַשאַפן
שוין נאָכן בראשית, גאָר שפּעטיק;
װי אין קװילהייל פון בלינדער גענעטיק
צו פאַנגען דעם דימענט פון עטיק.

דאָ, בײַם טיש אין דעם װינקל,
נאָך בליצט פון צװיי שלייפן דער פינקל,
באַפרײַט פון מינערסטע שטויבן.

דאָ דאַרף מען נישט גרייסן, נישט לויבן,
נאָר מערן, נאָר שאַרפן דאָס װיסן
און קוקן צום געסל דורך אָט די שויבן,
װוּ צײַטן זיך האָבן אין שטיין אײַנגעביסן
מיט פלוסן פון בלוט אין אָפּשוים פון ראָוון.

דאָ האָט גענעסטיקט דער אַדל פון צעכן קצבים
מיט מעסערס און העק און גיריקע באַקן.
קעגן זיי האָט דער שלײַפער בײַם טיש זיך געבויגן
מיט ליכטיקע אינדזלען אין טויכערשע אויגן
און מיט הימלישע ימען איבער זײַן נאַקן.

האָט װער דען געזען אָט דעם ניסתּר
בײַ זײַנע זע-גלעזער צװיי — רמב״ם און אַריסטאָ?
צו די און צו די פאַרבליבן אַ פרעמדער,
צו אייגענע ברידער און צו די האָלענדער.

דו, העלער פאַרשטאַנד, מיט גורל באַקומערט.
דײַן ליכטיקייט דאָ זיך קלאַמערט מיט אומעט.

אין דרויסן דאָס געסל
איצט טומלט מיט וווילטאָג.
בײַם ביריקן פעסל
שטײַגט דער האַרמידער:
קויפט פּערטלען און גלידער.
אַ חגא-חיפּזון
פון מילצן און בלאָזן — —

ווי איינזאַם דער טיש מיט די הימל-געשאַנקען!
ווי איינזאַם די ביכער מיט די העלע געדאַנקען —
מיטן געוועב פון די ליכטיקסטע גראָזן!

ליכט גאָר אַן אַנדערס אין דרויסן ווערט גרעסער
מיט חגאשן פּלאַקער און מיט האַרסט-וועסל-מעסער
פון אַלטע, גאָר אַלטע פּחדים
און ביז אָט דעם פענצטער און לאָדן.
אין פּלאַכלאַנד איצט זע איך איבער די מילן
די רויכן פון ספרים און שילן — —
און ווי איינזאַם דער טיש שטייט דאָ אין מיטן.

דו שלײַפער, ווי האָסטו אין האַאַג דאָ
אַמאָל אין דײַן צײַט די חשבות געשניטן!

ס'ווערט אָוונט, באַלד נאַכט, אַזוי שפּעטיק.
ווי קאָן טאָג דען פאַרגיין אין זע-גלאָז פון עטיק?
און איידער איך שייד נאָך דײַן שטיין
בײַ דער קאַלטער און פרעמדער מאַכיקער מויער,
וויל איך איין-אַליין
מיט מוט אין מײַן טרויער
אַ וואָרט דאָ צו דיר לאָזן הערן:

בן-יקיר פאַרפרעמדטער,
דאָס האָסט דו דאָך די אָבותס שטערנבאַגערן
אַזוי וואָר, אַזוי קלאָר דאַ געשליפן!

סאַראַ לויטערער וויַין
צו באַנעצן די ליפן!



אַ טראָלדל פון קאַסטיליע

אַ טראָלדל פון קאַסטיליע

כ׳האָב דערזען אין פינצטערניש פון נאַכט
ווי ס׳בלאַנדזשען זייערע געשטאַלטן.
משה אבן־עזרא

א. שפּורן

פאַרגעסן אין שפּאַניע, אין אַלע טאָרטורן,
די קעלערס, די היילן, די וואַנדערגעשטאַלטן,
נאָר ס׳איז נאָך פאַרבליבן איין־איינציק פון שפּורן
אַ טראָלדל גאָלד־רויט פון אַ בגד אַן אַלטן.

און ס׳האָט עס מײַן מאַמע געגעבן מיט קושן,
מיט טרערן פון שׂימחה אין ליכטיקע אויגן:
„היט עס, מײַן טאָכטער, ס׳איז אַן אַלטע ירושה״ —
און טרערנדיק האָט זי דערבײַ זיך געבויגן.

פלעג איך שטויניק דאָס זען אויף חופּה נאָך חופּה,
ווי כּלהשע פינגער דאָס טראָלדל באַגלעטן,
און דעמלט אויך הערן אין טאַנצן־געטופּע
ווי ס׳קלאַפּט חסידישער קנאַפּל — מיט קאַסטאַניעטן...

דאָס פּנים פון בדחן האָט דעמלט געטונקלט,
באַשאָטנט דעם ליכטקרײַז ווו ער איז געשטאַנען,
און מיט זײַן געברום האָט זײַן אויג זיך צעפונקלט
ווי פון באַליכטלטער הייל צווישן מאַראַנען.

און איך, אַזאַ פּיצל דאָרט צווישן די אַלע,
פון אונטער די גאַרטלען גאָר נידער, קוים־קוימיק,
האָב אויגן געהויבן צום ציר פון דער כּלה,
צו דעם טראָלדל גאָלד־רויט וואָס בלוטיקט און קרויניקט...

אַ באַס דאָרט געווען, אַזאַ אַלטע גיטאַרע,
וואָס האָט מיט כּל-נדרי געשניטן די הויטן.
זי האָט אַלע ליכטער פֿאַרדעקט מיט אַ כּמאַרע
און נאָר שײַנען געלאָזט דאָס טראָלדל גאָלד-רויטע.

כּדי ווידער און ווידער זײַן אַ מתּנה
פֿון חופּה צו חופּה, ווײַטער און ווײַטער,
ווי אַ צייכן פֿון צײַטן, עס זאָל דערמאָנען
פֿון ווײַסל צוריקוועגס דעם שפּאַנישן שײַטער.

און אַ פֿידל איז דאָרט געווען אַזאַ דינע
מיט טרערן צעגלאַנצט אויף סטרונעס פֿון בויגן.
אָדערן-סטרונעס פֿון אַ ווײַטער מדינה
מיט אייביקע טרערן פֿון ייִדישע אויגן.

ב. אין דערמאָנען

ווער ווייס דעם סוד פון מאַרכנהיילן —
דעם טריף געהיימען פון זכרון?
ווי טראָפּנס ציילן זיך און ציילן
צו ווערן מאָנומענט פון יאָרן.

אַ באַרגשטיין ווערט אַזוי באַקאַרביקט
יאָר-איַין יאָר-אויס, דורך טראָפּנס רעגן,
און מיט סימנים, שוין אומשטאַרביק,
ווערט ער אין מיט פון מידבר-וועגן —

אַ וויַיזפינגער: ווּהין, פון וואַנען,
אויך אַ געלעגער פאַר אַ חוזה.
און אויף אים רוען, דורך אים שפּאַנען
דאָרשטן טיפע פון אַ יאָרטוויזנט.

אויך אין געאייגן ווער קאָן וויסן
די טריפעניש פון דעם באַשטימען?
אַז ס׳זאָל נישט זעטיקן קיין ביסן
אָן אַלטן יאָמערדיקן הימען.

ביז אַ וויַיט אייניקל און זיידע
אין שפּיגלען ימיקע זיך טרעפן
און גליַיך ווי איינער זענען ביידע
אויף ציַיטנשטאַפּלען, אויף ערדנטרעפּן.

און נישט-באַוווּסט גייט אויף אַ נאָמען
מיט רעטעניש פון פייגלפלאַטער.
ער דופטיקט דיר ווי גוטע בשׂמים
אין מיט פון וועלטס גיפטנקראַטער.

מאָפּעס שווידערן און זעכט שפּאַנען
דײַן וואַנדערשטאָם דורך דער לאַנגער נאַכט;
זיי, זיי, יהודס אונטערטאַנען,
מיט הללויה אין בוינע-שלאַכט.

ס׳איז נעכטן, הײַנט, אי טרוים אי וואָריק,
ווי דאָס איז געשען, מיט זײַן באַטײַט.
און איעדע נאַכט ווערט פּיליאָריק
און בינדט דײַן שוועל צו ערדן ווײַט.

דאָס איז דער סוד פון אייביק-שפּורן,
דער באָרוועס אין זאַמדן אײַנגעגליט;
די פּילגערשאַפט פון יסורים
וואָס ווערט אַ חלום און ווערט אַ ליד.

ג. אין טעפּער פון אויגן

האָבן מיך געצויגן ווײַטן,
ווינטן, לאַבירינטן, זעגלען, האָריזאָנטן
און אַלץ וואָס נײַגערט מיט פּאַרצײַטן
און פינקלט פרעמדלעך אין מײַנע נאָנטן,
איך זאָל זיי פּאַרשן מיט מײַן שטוינען,
גאָרנישט מײַדן, קיינעם שוינען.

האַנדלט ווו אַ ייִד מיט פּערל —
איז ער סתּם דען בלויז אַ סוחר?
וואָס דען פינקלט אין זײַן טרערל?
גאָר, מסתּם, אין ים אַ טויכער.
אײַ, וואָס ווײַבער־קונים טאָרען,
הודזשען בײַ די וואָג און מאָסן.
ער דאַרט אינעם גאַנצן טאָרע —
אַ ייִדעלע בײַם לוויתן.

פירט אַ ייִד צוויי טענצער־בערן
אויף די מערק און אויף יאַרידן,
זײַנע אויגן כּישוף־שטערן,
זײַן אָטעם סמבטיונס זידן —
בין איך זיכער אַז נישט אַנדערש:
איינער איז ער אָט פון יענע
וואָס די ערדן דורכגעוואַנדערט
צווישן ציין פון אַ היִענע.

וואָס אים שפּיל און וואָס פּרקמטיא?
איך זע פון גורל אַ שליח:
גייסטו נישט פון טײַך סמבטיון?
זוכסטו נישט אין וועג משיח?
וואָס די בערן? פּעלן־קריעה.
איז דען חיה דײַן פאַמיליע?

איך זע סיני אין זײַן ווײַע,
איך זע בבל און קאַסטיליע.

און בײַ סתּם אַ שפּיליטערל,
אין זײַן באָרד אַן איינציק הערל
און אַ גאָלדשנור אויף זײַן וועסטל —
פֿאָרש איך בײַ זײַן צעלניק-קעסטל:
זאָג מיר דו, ר׳ יעלה-יבוא,
צי אַ שווינדלער צי אַ נביא?
פֿאַר וואָס טודרוס איז דײַן נאָמען?
אַ טורבאַן גאָר אויף דײַן קאָפּל?
גיב דײַן זעקעלע מיט בשׂמים,
לאָז אַ שמעק טאָן מיר אַ קאָפּל.

און מיך ציט ווי צוואַנג זײַן אָטעם:
דאָס איז ער — עשׂרת שבטים
מיט פֿײַערגאַרטל אויף די לענדן,
איינער פֿון דער וועלט-קאַפּעליע
פֿון די ווײַטן און אומענדן.

און עס דרייט זיך אַלץ אַרומעט,
מאַרק און קלויסטער, קרייץ און ברונעם,
און אין מיר מײַן ייִדן-אומעט
וואָס אין טיפֿעניש טוט ברומען — —
פֿאָרש איך דעם סוד פֿון קבֿרים
בײַם געזיגל פֿון די שטיינער:
אפֿשר ווייס אין טיף דער וואָרעם
בײַם גענאָג פֿון אַלטע ביינער?...

און אַ בעטלער גלאָצט פֿון הקדש,
תּמיד וואַרט ער בײַ די שויבן.
אין זײַנע וווּנדן גליט אַן עקדיש,
נאָר אין אויגן בלאָען טויבן.

אני-מאמין אין זײַן האָפֿן
איבער ימען דורכגעטראָגן.
הקדשס טירן האַלט ער אָפֿן
ביז משיחס טאָג וועט טאָגן.

אויך דעם סופֿר זע איך דאָרטן,
דעם מצבֿה-קריצערס שכן.
נעבן שטיינערדיקן גאָרטן
קײַען ציגן קנויל פֿון מאָכן.
דאָרטן זיצט ער אײַנגעבויגן
און פֿון נאַקן ביז דער סטעליע
זײַנע אותיות און אויגן — —
טשודנער ייִד פֿון וועלטס קאַפּעליע!

ווײַטן, ווינטן, לאַבירינטן.
כּישוף-פֿײַערלער זיך לעשן.
אין פֿעלד בײַ גויים — תּבֿואה-בינטן,
און זיי שנײַדן און זיי דרעשן.
איך אַליין נאָר שנײַד דמיונות
און זוך די רומען און די גרוילן
פֿון די אינקוויזיציע-בוינעס
ביז דעם שאָטנשליאַך פֿון פּוילן.

ד. אין גאַנג

ווו נאָר אַ טראָט דאָס זעלבע פרעגן
ביַי גראָז און שטיין און ביימערקרוינען:
ביז אַווו האָבן פּיַערשלאָקסן זיי דערוויַיטערט?
און כ׳האָב געזוכט אויף אַלע וועגן
ווו נאָר די מענטשן-עדהס וווינען
און ווו נאָר דער פרומער וויַירער באַטריפט אַ שיַיטער.

צווישן רוימס נאָנעשע וואַלן,
אויך אין ציריכס זילבערונג פון שניי
און אין ווינער ליכט, אין רעגן פון כלה-בלומען.
האָגלען זענען אויף מיר געפאַלן,
די ווינטן האָבן געטריבן: גיי!
און כ׳האָב געזוכט, געפאָרשט ביַי יעדן טיַיך און ברונעם.

אין פלאַכלאַנד און אויף בערגערס נאַקן,
אויף גלעטשערס און אויף גרינע לאַנען
און צווישן קאַטאַקאָמבעס אין טונקעלן געהיים.
און כ׳האָב געפילט אויף מיַינע באַקן
די פאַרשעמונג פון נישט-פאַראַנען:
אַפילו נישט קיין נאָמען אויף אַ מצבה-שטיין!

נאָר דעמלט האָט אַן אַלטער פויגל
מיך אָפּגעפונען אין מיטן גיין:
בלאָנדזשלינג דו, וואָס פאָרשסטו נישט דיַין אייגענע געשטאַלט?
ביַי מיר געמאָנט מיט זיַינע אויגן:
זוך אַ וועג, דעם וועג אין זיך אַליין,
אין דיַינע ברינעמער ווו עס שאָטנט זיך אַ וואַלד.

האָב איך דערזען און אויפגעציטערט —
בלוטנשפּיגלען און דאָרטן שוימען
אַזוי פיל אויגן פון וועז, איידער-וועז, פאַרהוילן,
און אַ ווינט האָט אויף מיר געוויטערט
מיט פאַלעניש פון אַלע קרוינען
ביז מײַן וואַלדהיים אין טיפער וועלדערניש פון פוילן.

ה. אויף פּאַרמעט פון אַמסטערדאַם

אַ רוף כ׳האָב דערהערט אינעם פּאַרמעטיקן סודן:
קום דאָ זיך דערזען, וועסט אויך דאָ זיך דערהערן.
דורך „יִדן-גאַס״ קום צו אַלטמאַרקישע בוידן,
וועסט דאָרטן געפינען דײַן יִדישן שטערן.

און אָט, איך דערזע אים אַ פיבערדיק-העלן
אויף קאַנוועס פון פּאַרמעט בײַ מאָכיקע בריקן,
דאָ, צווישן דעם אַלט-מאַרקס מאָזאַיִשע שטעלן,
ווו עמעץ דערוואַרט מיך מיט סודיקע בליקן.

ווער איז ער דער איינער, דער פרײַנד דער געהיימער
וואָס ברענגט מיר הײַנט אָוונט אַ ווײַטן יאָרהונדערט?
ער וועלבט זיך אַרויס פון די „יִדן-גאַס״-שטיינער
ווי רעמבראַנדטס אַ נביא פאַרצאָגט און פאַרוווּנדערט.

אָט פלאַטערט זײַן פּאָלע, אָט קנייטשט זיך זײַן פּנים
מיט קלאָג פון געשען און מיט טרייסט פון באַשערן.
ביז צו פּוילישע שנייען טוט ער דערמאָנען
דעם טאָפּלטן פינקל פון פּערל און טרערן.

וואָס וויל ער אַצינדער צו נאַכט מיט זײַן האַנדל —
אַ רענצל, אַ קרענצל, אַ רינג, אַ קמיע?
צי אפשר אומקערן מײַן ראָזשינקע-מאַנדל
וואָס איך האָב פאַרלוירן אין פּוילישע שנייען?

מיט בלוט און מיט זילבער זײַן טרער אויף דער מויער.
זיידעשע בליקן אין די האַרטע רעליעפן.
צווישן טאָוול פון יום-טוב און טאָוול פון טרויער
מײַן ספר-היוחסין מיך רופט און איך עפן...

אויף וועלב פון געזימסן צעוואַקלטע, אַלטע,
זיך וויקלט דער פּאַרמעט מיט שטראַליקע נעמען.
אין זיך האָט דער שטערן זיי אַלע באַהאַלטן
און איז מיר מרמז פון וואַן און פון וועמען...

ער שפּיגלט אַרײַן אין די טיפע קאַנאַלן
און גילדט די געשוימען מיט ווונק פון געשטאַלטן.
אָ, זע,— זאָגט דער שטערן: ס'איז גאָר נישט פאַרפאַלן,
כ'האָב אַלע געהיט, אין מײַן ליכט אויסבאַהאַלטן.

ס'איז ווונק פון נשמות, ס'איז אָטעם פון גופים
בײַ נאַכט אויף קאַנאַלן אין כוואַליקן ברומען.
אָ, נישט אומזיסט האָט אַמסטערדאַם מיך גערופן,
דאָ האָב איך מײַן ייִדישן שטערן געפונען.

ו. אַ בלעטל

דאָ, נעבן אַלט-מאַרק, האָב איך אָפּגעפונען
אַן אַרכיוואַר מיט אַ בליק אַ געהיימען.
צו אים אין זײַן דאַכשטוב בין איך געקומען
צו זען אויף אַ בלעטל ייִדיש געווייִנען.

אַ בלעטל אַן אַלטס בײַ אים זיך פאַרקליבן.
ער האָט עס געהיט, מיט טרײַהייט געטײַעט.
אַ כראָניק אין ליד, מיט טרערן פאַרשריבן
פון מײַנע אָבות אַ זינגער פון פּיִט.

פּתחס און צירהס, רמזים טשיקאַווע.
פּינטלען פון בלוט אין אַ געטלער אַנטפּלעקן.
אותיות שפּאַרן מיט היצן פון לאַווע,
לאַנג-נונען אין זיי ווי וואַנדערשער שטעקן.

אויף בלעטל דעם — נעמען פון עלטערזיידעס,
ווי תּחית-המתים, ליבשאַפט באַנײַטע.
איידעלע אוצרות, פאַרטרערטע אבדות —
ניגונים איבער טאַרטורן און שײַטער.

ווי מען וואַלט פון אַש דערלאַנגט מיר אַ דימענט,
פון פײַער אַרויס אַ קרוין אויפגעהויבן.
זיידעשע קעפּ מיט די געטלעכע שין'ען —
זיי וויינען און בעטן, זינגען און לויבן — —

ער פרעגט, צי איך וויל אויסהערן דעם סיפּור.
— אַוודאי, כ'וויל הערן, כ'וויל עס אַוודאי.
זײַן אויג גיט אַ גלאַנץ מיט ליכט פון יום-כּיפּור:
דאָס איז פון קאַסטיליע, נאָך פון טאַרקוועמאַדאַ!

ער הייבט דאָס בלעטל און ווײַזט מיר די כּתבֿן,
קינות מיט הלל פאַרשמידט אין חרוזים.
האָט נישט מײַן טאַטע אַזוי אַ געדאַוונט,
מיט שטילקייט געצוימט זײַן פלייציקע שלוזע ?...

איז נישט פאַרפלויגן די זעלביקע פּאַווע
אומעטום תּמיד פון יעקבס געצעלטן ?
און הלל אַלץ הער איך פונעם געדאַוון ! —
פון בלעטל אַ ליד צום האַר פון די וועלטן.

איך הער עס און וואַר. קיין שלאָף הײַנט אין אָוונט
דאָ צווישן די בריקן איבער תּהומען.
וואָס נאָענט און ווײַט ? וואָס ווײַט ווערט דאָ נאָענט,
יעדער אות אין בלעטל — אַ פּנים, אַ נאָמען.

און ווער וועט זאָגן וואָס וואַר און וואָס דמיון
אינעם געטרייסל פון זינגיקן פיבער ?
ס'לײַכט שדיס אַ שין אין פלאָם פון קאַסטיליע,
ווײַט, אַזוי ווײַט — און אַלץ נענטער און ליבער.

כ'זע זיי, די אָבות, מיט פּנימער, נעמען.
איך פיל אויף מײַן פּנים זייערע בליקן.
איצט ווייס איך וווהין און כ'ווייס אויך פון וועמען — —
מײַן ייִדישער שטערן שײַנט אויף די בריקן !

ז. אַ בוים מיט דריַי קרוינען

מיך רופט דאָס לאַנד פון יהודה הלוי.
אין זיַין זמר יווירט דער טראָפּ פון מיַינע זיידעס גלייבן,
פון האַרץ וואָס פּאָרט ביַים לעצטן קלאַפּ שוין
מן המצר מיט ברכי נפשי.

מיך רופט דאָס לאַנד פון קדוש זינגער לאָרקאַ
ווו זיַין טויב די צעשניטענע נאָך וואָרקעט.
אירע פעדערלעך אין ווינט זיַין ליד נאָך שריַיבן.
זיַין בלוט נאָך זידט, אַ בשורה וועט פאַרבליַיבן.

כ׳וועל גיין אין לאַנד פון אָט די זינגערביידע.
נאָך אַ קרוין דאָרט, די קרוין פון מיַינס אַ זיידע.
אַ בוים דאָרט שטייט ביַים וועג מיט דריַי פאַרבלוטע קרוינען,
אונטער רויטער לונאַ צווישן גלעקער,
און אַלע בלוטן דאָרטן שוימען
צו משיחן דעם וועקער.

דאָרט, אין שטאַם דעם אַלטן און באַמאָכטן
האָבן זמירות און באַלאַדעס זיך פאַרפלאָכטן
מיט זינגער-טרערן און מיט חלום פון מיַין זיידן.

און אַן אַלטער פויגל רופט פון בוים מיך:
קום דערמאָנען, קום באַשיידן!

ח. קדוש לאָרקאַ

דײַן ליד — אַ רוף און תּמיד וואָרנט:
אָט אַ קראָט אין שפּאַלט פון דער שטילער וואַנט,
און ווײַזט אין שלייערן דעם דאָרן,
אַ כּלה-רינג אויף אָפּגעהאַקטער האַנט.

ס׳גליט אין דײַן ווייליד אַ זכרון
וואָס צינדט די קאַסטאַניעטן אויף די פּיס.
ס׳איז די שרעק פון טאָרעאַדאָרן
אויף וועמענס הערצער וואַרט אַ הערנערשפּיז.

פון דיר אַ יאָמער ווי פון טלית,
ווי דער ברום: כּל-נדרי בײַ ליכט פון וואַקס,
פון ציגײַנער און פון קאָוואַלעס
און פון די שפּינערינס פון שוואַרצן פלאַקס.

ווי הייסט זי דאָרט? מיידעלע חואַנאַ,
אָדער אַדעלינאַ צי מאַדריגאַל.
זיי זענען אַלע: הדס, חנה —
אין האַרץ אַ טרערנדיקע נאַכטיגאַל.

אויף יעדער שײַנט דאָס ליכט פון לונאַ,
לונאַטיש שיין פאַרבלאָנדזשעט מען צום טויט.
צו חופּה קומט מען שוין — אלמנה
מיט קרעבס פון צער וואָס צערײַסט די הויט.

נישטאָ די שמידער בײַ קאָוואַדלעס,
פאַרשלעפּט פון רײַטערס שוואַרצע פערד...
נאָר דו, מיט ליד, דו הייבסט מיט גדלות
טויטער לונאַ פון אונטער שפּיז און שווערד.

דאָס איז אַ ליד מיט אַלטע שפּורן
פון זיידעס מײַנע אינעם פּלאָם מיט שם...
אויך דו, צעמורשט פון די טאָרטורן
שעלטסט אַלע הענקער אין יאָרהונדערט דעם.

ווײַל האָסט פאַראייגנט אַלע טרערן
בײַ רויז און מעסער אין שאַרפסטן פלור,
און ווי דײַן ברודער, דער טאָרעיראָ,
איז אויך דורכגעשניטן דײַן רויטער טור.

דאָרט, דאָרט, אויף פּײַנערד פון די ייִדן
וווּ עס רויטלט לונאַ אין יעדער צײַט.
בײַנאַנד דאָרט אַלע בלוטן זידן
און אויך דײַן בלוט אין זיי וואָס זינגט און שרײַט.

ט. כ׳וועל דיך הײַנט נישט בענטשן

קום איך הײַנט דאָ אויף מײַן וואָגל,
צו דײַן בלוטערד מיט מײַן נאָגל,
אָפּצושאָבן,
אויפצוגראָבן
וואָס דײַן צאָרן האָט פֿאַרזיגלט,
וואָס מײַן קללה האָט פֿאַרריגלט.

קוק איך אויפֿן הויכן צלם,
קוק איך אינעם טיפֿן ברונעם:
ווער קאָן מיר דאָ וואָס דערציילן?
קיינער! קיינער!
נאָר די בראַנדטריט אין די שטיינער
און די גלעקערשע געברומען.

דאָ דער בוים פֿון דרײַלינג קרוינען,
וווּ עס טריפֿט נאָך בלוט פֿון צווײַגן.
דאָ פֿאַרפֿרעס איך מײַנע ליפּן
די געשרייען צו פֿאַרשווײַגן.
אָבער ווייען, טיף פֿאַרהוילן,
שניטן, שטאָכן, בלוטנדופֿטן —
אַלץ פֿאַרנעם איך ביז די זוילן
פֿון דער שיכּרות פֿון דײַנע לופֿטן.

ניין, כ׳האָב קיינעם נישט געפֿונען
דאָ צווישן קרייץ און ברונעם,
בײַ דעם ווײַנטיש וווּ מאַלאַגאַ
שוימט מיט פֿאַרבן פֿון אַ ליליע.
כ׳וועל דיך הײַנט נישט בענטשן,
בדאַנדלאַנד פֿון מײַנע אָבות,
בלוט-באַשפּיגענע קאַסטיליע.

בלויז דיַינע שאָטנס נעם איך מיט
מיט עכאָ פון וויַיט געוויין,
פון אַלץ וואָס האָסט צעקרייציקט און צעפּאַלמעסט.
דאָ שריַיט פון אונטער יעדן שטיין
און נישט קיין גאָלד זע איך אויף דיַינע פּאַלמעס.
שוואַרצע נעצן זע איך, כמאַרעדיקן הימלראַנד.
און עס שווידערט פון הללויה,
אויפגעשריִענעם פון קלעם און בראַנד.

און שענק מיר נישט קיין רויזן ביַים צעשיידן
און טריף נישט מיטן וויַינטריף די איידלרייד.
איך בין פול מיט בראַנדן פון מיַין זיידן,
זיַין שאָטן מיר באַגלייט.
און ביז ירושלים גליִען די פּירענייען
פון אַלע אָפּוועגן פון דיַין בלוטיק לאַנד.
איך נעם מיט פון דיר די ווייען,
טרערן צו באַהאַלטן אין דער מיקדש-וואַנט.

י. אין אויגן פון מײַן זון

װעב איך, װעב איך בײַ דעם פֿײַנראָד
פּעדעמער פון יִחוס ליידן,
װײַטע שפּורן פון מײַן זיידן
ביז צו קרייצנדיקער שפּאַניע,
ביז די פלאַמען פון קאַסטיליע,
דאָ, בײַ מײַן לחמא-עניא,
דאָ, אין מײַן דאָרפישער אידיליע.

פּאַנאָראַמעס װערן ברייטער,
די תּהומות — טיפער.
מײַן שטאַם — דורך לענדער גייט ער,
דורך ימען שיפט ער.
און איך, װאָס װייס נישט זיידנס נאָמען —
זע אים דורכגעלויכטן
מיט זײַן שדי צווישן צלמים.

איך זע אים אויך אין דײַן שוואַרצאַפּל,
אין צוק פון יעדער קנייטש און ליניע.
צי װייסטו, זון, װאָס אין דיר צאַפּלט —
צי נישט דער זיידע פון קאַסטיליע?
װאָס דער פּיבער הינטער ברעמען?
זאָג, פון װען?
זאָג, פון װעמען?
צי נישט פון נעבט װען גלעקער בילן
און הערצער ברענען אַלץ געטרײַער?
צי װייסטו, זון, װאָס מיינט תּהילים
מיט הללויה אינעם פֿײַער?

כ׳זע דיך איצט, מײַן זון, מיט געװערן.
קנעפּלסט דײַן שינעל און דו געזעגנסט.
דיר קוקט נאָך אַ קאַסטיליאַנער שטערן

מיט אַ ברכה דיר אויף דייַנע וועגן.
פונעם ירדן ביז צום נילוס
און אין מידבר-לאַנד דעם ברייטן
ברענען שפּורן, גליִען תּפילות —
דיך אין מאַרשווועג צו באַגלייטן.
אויך מייַן האַנט דייַן האַנט גיט איבער
מיט אַ נישט-גערעדטן דיבור
סודות פון יסורים — צו באַפריידן — —

געדענק, מייַן זון, אין קאַסטיליאַנער זיידן!

יא. אַ זעמדל פֿון זאַמד

אָט וואָס איך טו בעטן
צווישן זאַמדן פֿון ים און די ליימיקע פֿעלדער;
פֿון וועגן אַ זעמדל פֿון זאַמד
געקושט מיט ספרדישער היץ
פֿון זינגיקן רבי יהודה:
מיש עס אַרײַן אין אַלע די זאַמדן,
אין אַלע די ליימען,
אַז אויך מיר ווי ער זאָלן בענקען און וויינען.
מער פֿורפֿורן דעמלט וועט דער פֿלאַמיקער מילגרוים,
צעגיסן מער מונטער און בונטער
דעם סוד פֿון זײַן מאָלערשן צונטער;
ס'וועט אים אויך אַקעגן מער גאָלדן און גרינען,
שווערפֿרוכטיק באַהאָנגען, ער דער עץ-הדר,
מיט שפֿע פֿון זונפֿאַרב דערינען
ביז האַרצס נאָענטסטן אָדער;
ס'וועלן דעמלט נשתּומם פֿלאַטערן בינען,
מיט גוטסן צעפֿליסן
גאָר אַנדערע זיסן;
און קינדער מיט אונדז, נאָך איידער זיי ווייסן,
וועלן טרינקען מיט תּמימות די שיכּרות די הייסע,
ירושות פֿון ליבשאַפֿט, געגעבן א י ן לעבן
מיט בליקן, מיט אָטעם, מיט ברכות.

און אַלץ —
אינעם זכות פֿון אַ זעמדל
וואָס געקושט האָט מיט ספרדישער היץ
דער זינגיקער רבי יהודה הלוי
מיט פֿורפֿורנע טרערן
פֿון מילגרוים פֿון זײַנע לידער
געברענגטע אויף כוואַליעס
צו מיזרח פֿון מערב,
אַז זיי זאָלן פֿליסן פֿון אייביק ביז אייביק.

און דערפאַר טו איך בעטן:
מיש דאָס זעמדל אַרייַן
אין אַלע די זאַמדן
ווו מיר טוען לאַנדן,
אין אַלע די ליימען
פאַר אונדזערע היימען



מיטן וואַלדיקן שטערן

אַ סניגוריה אין וועלטוואַלד

איר זאָלט נישט לעסטערן דעם מײַסטער
וואָס פאַרעמט פון בראשית זײַן וועלטנווערק.
ווי שווער דעם דומם מיט די גײַסטער!
ווי שווער דעם שטערן מיט די בערג!

ווי אויפוועקן יעדן טאָג די מענטשן?
ווי צילעווען אין אויגן די ווײַזערס פון דער זון?
ווי שמאָל די גרענעץ פון שעלטן ביזן בענטשן —
פון שמייכל פון גוט-מאָרגן צום חיהדיקן ברום.

און ווער איז דער געניטער און פאַרשטייער
אין געוואַלדיקן וועלטוואַלדיקן פאַרנעם —
צו פסקענען אויף זײַן באַראָט אַ דעה
ווי אײַן און אויס פון דער פאַסטקע און פון קלעם,
ווען יעדער אָדער שלענגלט
און מענטש וויל גנבענען בײַ גאָט זײַן שם.

אָט בליט דער וואַלד מיט עטרות, קרוינען
און שיינערט זיך און פײַנערט זיך ביז גאָר.
ס'איז פאַן, דער הולטײַ פון די רוימען,
וואָס טאַנצט מיט פרילינגס פייגל אין זײַנע גרינע האָר.

וויפל שיינקייט אויף זײַן שויבער
ווען מלכּהס מיט איין בלאַט רינגלען אים אַרום.
וואַרט צו, ווען באַלד דערזען אַ רויבער
מיט פײַלנבויגן און מיט ברישן געברום.

איין טאָג נאָר פאַר די קאַרנאַוואַלן,
אויף שׂימחות וואַרט אַ בלעטערפאַל.
מיליאָנען בלעטער פאַלן, פאַלן,
און אויך די געטער — אין געטערפאַל.

טאָ לעסטערט נישט דעם איינציקן, דעם מײַסטער
וואָס פּאַרעמט פון בראשית זײַן וועלטנווערק.
ווי שווער דעם דומם מיט די גײַסטער!
ווי שווער דעם שטערן מיט די בערג!

אין דער פּמליא פֿון וואַלד

אַ שוועמל אין סאַמע שאָטן
עס בייגט זיך אין ציטער פֿון ווינט.
איך קוק זיך איַין ווי עס אָטעמט
אַזוי ווי אין וויגל אַ קינד.

אַלץ שטילער, וואָס מער צו שטילן
האַלט איַין זיַינע רוישן דער וואַלד.
ביז איינער פֿון די מאָטילן
מיט קוש אויף אַ בלעטעלע פֿאַלט.

שורשע פֿון פֿליגעלער ווייכע
אין גרויסן געדיכטיקן וואַלד.
און אָט פֿון אַ הייל — זיַין היכל,
זע איך גיין אַ שרעטל־געשטאַלט.

ווי אַ בלאַט רירט אויף אַ צוויַיגל
אַזוי צו דעם שוועמל זיַין גיין.
מיט אים דאָס וואַלדיקע שוויַיגן
וואָס גייט שוין צום זונפֿאַרגיין.

דאָס שרעטל קומט שוין איַינרוימען
דעם שוועמל פֿון שטערן אַ סוד.
זיַין קעפּל קומט ער באַקריינען
מיט דימענט פֿון וואַלדיקן גאָט.

ס'איז סוד פֿון איין רגע אייביק,
ווען וועלט פּרוּווט געפֿינען איר רו.
ווען וואַלדס פּמליא זינגט גלייביק
און אויך איך מיַין אויער בייג צו.

דאָס איז די שעה גאַר זעלטן,
ווען וואַלד אויך אין מיר אַרייַן בליט,
און כ׳וואָרצל אין וואַלדיקע וועלטן
מיט שווּעמלער און שרעטלער אין ליד.

נעמען

אַלע די וואָס זייער בליק געפאַנגען
מיט מײַנע ייִנגל-אויגן, הייסע בומעראַנגען —
זיך ווידמען יאָרן-לאַנג אין מיר
מיט שיר-השירימדיקן ניגון.
און זיי — דורך יאָרנס עלטערקייט-געפריר —
שטראָמען, ריזלען
מיט קוועלנדיקע זונענשפּיזלען,
און מונטערן מײַן ליבשאַפט —
זי זאָל זיגן.

נעמען, נעמען
אויף די גראָע ברעמען — —
אָט צעפּליטערט זיך אַ ליליע,
קלייד איך אָן אויף איר אַ נאָמען: חוה.
דאָס איז דאָך זי, אין מײַן קינדישער אידיליע —
סאַמע וואָר געזען — אַ פּאַווע.
אין איר צאָפּיקן געפּלעכט גאָלד און צונטער בליִען
דורך חלומותדיקע נעכט און מאָרגנפריִען.

און אָט — אַ קוסט, אַ בוגענווילליע
מיט רויטן שפּראָץ, ווייִק-שאַרפן,
שוין בײַם סוף פון קינדישער אידיליע,
ווען עס פלאַצן יוגנט-האַרפן —
זי איז דאָך די טויב פון מײַנע נישט-באַוווינטע נעסטער
צווישן פרומען מורמל און וועלטס ווונדיקן געפּלאַטער —
רוף איך: אסתּר!
בײַ די שויבן פון מײַן שפּעט-נעסט
קעגן שקיעהס פלייצנדיקן קראַטער.

און אָט אין פרי-ליכט, בײַ גאָלד פון אַפּעלסינען,
רײַפע רונדן, שטראַליקע געזיכטער.

און אַלע נעמען — שׂרהן, חדוהן, דינהן,
זע איך אין איין רעגן-בויגן ליכטער.
עס וווּנדערט זיך אַרײַן אין מיר די קלאַנגיקייט פון נעמען
פון אַלע וועגן מיט הימלישע געגנאַדן,
אַדורך די זיפּן פון מײַנע גראָע ברעמען,
אין מײַן שפּעט-נעסט, בײַם אַראָפּגעלאָזטן לאָדן.

מיטן וואַלדיקן שטערן

א

אויב דער וואַלד איז נישטאָ
און דו ביסט נאָך דאָ —
וועל איך אים באַשאַפן,
דיך ווידער צו זען אין גרינע לבושים
פון ביימערשע נאָדל-געוועבן
אַ ווײַטע,
פון ווײַטן — דערנעבן...

מיט אָטעם פון בראַנדיקע חושים,
אין דמיון פון שעמיקע קושן
פאָרשן בײַם ציטער פון שפּראָציקע בלעטלעך:
צי קומסטו? צי גאָר נאָר פאַרבײַגיין?...
דו קינדיש, דו פויגלש, דו געטלעך
אין מײַן פריסטן באַגערן
אונטער וואַלדיקן שטערן.

כ׳וויל ווידער דיך זען אין באַהאַלט דאָרט —
נישט צו געפינען;
אין מײַן באַשאַפענעם וואַלד דאָרט
מיט דײַן אָפּבילד אין זינען.
כ׳האָב די ביימער שוין ווידער צעשטעלט אין אַ סדר,
סאָסנעס און יאָדלעס ווי אַמאָל און ווי איידער.
צעוויג זיי, צערויש זיי מיט דײַנע קליידער.

איך חלום אַריבער דער חשכות פון שליאַכן,
אַז דו אין דער אײַזערנער שטאָט וועסט דערוואַכן,
דיך און מיך דערזען אין די גרינינקע סכך׳ן —
מיר ביידע, שוין שפּעטלעך — —
און ווידער געטראָפן.

און ווי געוועזן אין מײַן פּריסטן באַגערן,
תּם-קינדיש,
זינג-פֿויגלש,
פֿרום-געטלעך —
דיך ווידער דערזען אין שפּעטסטן באַשערן
מיטן וואַלדיקן שטערן
בײַ דײַן צוקאָפּנס.

ב

אין אײַזערנער שטאָט דאָרט דײַן אומעט אַצינדער
מאַכט דיך נישט מינדער.
ער פֿאַרעמט דיך אויס
ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע רויז
אין מידברשע העקן.
און אָן דײַנע טריט,
מיט דײַן פֿאַרב און דײַן צוויט
קומסטו דאָ אין מײַן הויז
מיך אין די נעכט אויפֿצוּוועקן.

אַלע צירונגען דײַנע לאַנג שוין פֿאַרלוירן
און אָפּגעטאָן האָסטו אַלע וואַלן.
ס׳זענען מיט זיי אויך פֿאַרשווּנדן
פֿלעקן און ווּנדן,
שאַרמען און שפּילן,
און איצט ביסטו גרייט צו נײַע פֿאַרבונדן —
מײַן ליד זאָל דיך צירן,
מײַן חלום — פֿאַרהילן.

אַזוי לאַנג שוין נאָך אַלע ריסן,
אַזוי ווײַט, אָן דײַן וויסן
בין איך מיט דיר אין די נעכט
פֿון געצווּנגענעם וואַך-זײַן,
און אין טעג — ווי אַ ליביקער קנעכט

גיי איך דיר נאָך אין דײַן שטאָט,
צווישן תּפיסה און ראָד,
איין-אַליין אינעם רושיק אַ סך-זײַן.

און כ׳וועל אַזוי דאַכטן און כ׳וועל אַזוי שפּרײַזן
מיט מײַן פאַרבלאָנדזשעטן שטערן אין שטאָטישן אײַזן,
ביז פּלוצעם פאַר דיר אויפהייבן די ברעמען:
אָט זענען מיר ווידער, די צוויי ווײַטע נעמען!
און מער וועל איך גאָר נישט דיר זאָגן,
נאָר די פלאַמיקע בליקן —
זיי וועלן די אַלע צוריקן
אין טומליקן אָפּלויף דעריאָגן.

זיי וועלן דערמאָנען דעם וואַלד און דעם שטערן,
בײַם וואַלדזוים דאָס טײַכל אויף זאַפּטיקע לאָנען
און די פיצעלער הײַזקעס מיט פענצטער צו וועלטן.
ביז וועסט מיך דערקענען, ביז וועסט מיך דערהערן
מיט ניגון פון יענע גאָטס אָרעמאַנען,
און זייער פרום בענטשליכט אויף דיר וועט אַ העל-טאָן.

וועסט דעמלט מיט ברכה אָנרופן מײַן נאָמען
און פון מײַנע ליפּן וועט קוואַלן דער אָמן.

ג

נישט מער ווי אַ פענעצל ברויט וועל איך בעטן
און וואַסער אַ שלוק נאָך אַלע געוואָגלען,
מיט צוויי ליידיקע הענט אין יאָרלינג דעם שפּעטן,
נאָך אַלע וועגן, ווינטן און האָגלען.

אָ, זע, ווי מיך בריִען די אַלע פאַרגעסנס,
אַלע געזעגנס און אַלע צעשיידן.
גיב מיר אַ פאָדעם און כ׳וועל אַלע מעת-לעתן
ווידער פאַרקניפּן נאָך ריסן און ליידן.

און לאָז מיך אַצינדער מיט אויגן פאַרמאַכטע,
און וואַרף מיר נישט פאָר: ביסט ווידער אַ פרעמדער.
אַט דאָס שפּין איך אַצינד צונויף די פאַרנאַכטן,
חלומות פון איבער ימען און לענדער.

אַט פאַנג איך זיי אַלע, די פּערלען פון שטערן
און סילע זיי אויף אויף זוניקע שפּיזלען;
פאַרלוירענע פּערל — זיי ווידער געהערן
מיט גרונטן און קוואַלן — דיך צו באַריזלען.

מיט דאַנק פאַר דער שעה פון געבענטשטן אומקערן —
דיר אַלע פּערל צעשטראַליקט, אומצייליק.
כ'האָב ווידער פאַרקניפּט אַלע זונען און שטערן
מיט איינער אַ רגע אייביק געהייליקט.

אַ זע, ווי מײַן גראַקייט מיט זילבער איצט שימערט.
זי גיט מיר פּעדעם צו וועבן און קניפּן,
דאָ צווישן די ווענט פון דײַן איינזאַמען צימער —
ערדן און הימלען מיט ריפּן און ליפּן.

ווײַל ס'האָבן זיך ווידער צעשיידטע געטראָפן
און אַלץ זאָגט תּפילה אויף מער נישט צעשיידן,
פון אייביק אַזוי ביז סוף פון די סופן,
פון פאַרטריבענע צוויי פונעם גן-עדן...

און איצט, מיר ביידע — לאָמיר ביידע איצט בעטן
נאָך אַלע ריסן, באַהאָגלט, פאַרשטייניקט:
לאָז אונדז מיט ליבשאַפט אין יאָרלינג דעם שפּעטן,
מיט וואַלדיקן שטערן ווינען געאייניקט.

וועגן אַ וואָרט

ווי זאָגן אַז ליב,
אַ וואָרט אַזוי אַלט?
איז דען נישט אַן עדות דעם פויגל
זײַן שוועב
ווי ליב אים דער וואַלד?
זאָגן נישט גאָר
מײַנע גראָזיקע האָר?
דערמאָנט נישט צוריק
מײַן טײַכיקער בליק?
וואָס זענען ווערטער אַצינד
ווען ליבשאַפט פאַרשפּינט?
הער ווי דער ווינט האַלט זיך אײַן
אין וואַלדס שאָטן-שײַן.
לערן דעם סוד פון דער שוואַלב
וואָס באַהויכט איצט קוים-קוים
אַ קנאָספּ אויפן בוים.

צום מעדיקער

זאָגסט אַז האַרץ ווי אַלע גלידער
זויגט בלוט אַרייַן און טריפט עס אויס.
ווייסטו דען דעם סוד פון לידער —
ווי ס'האַרץ דערבייַ ווערט גרויס און ברויזט?

הערסטו דען ווי שטיל וועלט דופקט
אין אָדערל וואָס נישטיק קליין?
דו ווייַזסט מיר אויבנאויפיק
אַ האַרץ אין גליווער, אָן געוויין.

ווייסטו דען דעם סוד פון בלוטן,
זייער געהיימען זאָט און טריף
מיט ווילד פון שלעכטס, מילד פון גוטן
אין קוואַל דעם שוימיקן טיף-טיף?

אָט שרייַט ווער מיט ריס פון אָדער
און בלייַבט אין אָטעמען קוים-קוים,
גלייַך אַ פרוכט פאַרלירט דעם יאָדער
און ס'דאַכט אַז טויט דער גאַנצער בוים...

און אָט גאָר באַלד, אין נישט-וויסן,
קומט אָן אַ רגע ליכטיק קלאָר
און אָדערן, שוין צעריסן,
פאַרקניפּן ווידער יאָר צו יאָר.

וואָס זשע ווייַזסטו מיר קאַלטע פליישן,
אַ האַרץ וואָס גליווערט אין סלאָי פון גלאָז?
מייַן נישט-וויסן אַנדערש ווייס שוין
דעם סוד פון ליד, דעם נס פון אות.

אָט גיי איך אַרויס פון קליניק
און פיל דערבײַ אין יעדן טראָט
ווי די שטראַלן זוניק-זיניק
מיך פאַרפלעכטן מיט נס און סוד.

און האַרץ ריטעמט אין געזעגן
ווען דײַן ניכטערקייט מיך באַגלייט.
אויף דער שוועל אַ נײַע רגע
און מײַן דופק, הער, גיכער גייט.

ווער באַפעלט אים: גיכער גיי שוין?
ווער איז דער ער וואָס דאָס באַפעלט?
אין מיר זינגען איצט די פליישן
מיט גאָט אין זון אַדורכגעהעלט.

די קוזשניע געדענקט

ר׳איז שוין לאַנג נישטאָ דער אַלטער מײַסטער,
נאָר די קוזשניע פּײַערט נאָך און זינגט,
און צווישן קוילן געהיים זיך גײַסטערט
זײַן גאָלד און דימענט אין מינדסטן רינג.

אַ שטערן הויך אויף דער קוזשניע שימערט
און ער צייכנט אָן מיט דינעם ווונק
ווי גרעבסטער אײַזן געוואָרן דינער
מיט דער פּישוף-קראַפט פון קלענסטן פונק.

דער גרויסער האַמער שווײַגט, שטום די טשמעלן,
נאָר דער הויכער שטערן רינגען שמידט
און דעם מײַסטער זעט דאָרט דער געזעלן
אין שפּיל פון פּײַער מיט פונק און ליד.

און ער צעזינגט דאָ דעם מײַסטערס אָטעם
וואָס האָט די קוילן אַזוי באַהויכט.
אויף דער קאָוואַדלע זיך צינדט אַ שאָטן
און לײַכט פונקענדיק אין שנירל רויך.

ביי יינגסטע בלעטלעך

קום איך מיט אָוונט

קום איך מיט אָוונט צום תּחום
ווּ וואַלד צוימט דעם וועג,
און דאָרט, אַליין אין אַרום,
מײַן בלאָנדזשעניש פרעגט:
צו וועמען דו און וווּהין
בײַ וועלטס שווינדיק ראָד?
צי קוועלט נאָך פּאַניקער גרין
צום יתום אָן גאָט?

ס'יִחוּסט מיט באַרג מינדסטער שטיין,
דורךְ צווײַגל ווינקט וואַלד,
און איך — ווי בין איך אַליין
ווען אומעט באַפאַלט!
ווער איז מיט מיר, ווי בין איך
אָן שפּרוך פון אַ שם?
כ'טראָג נאָר אַ תּפילה אין זיך
אָן הימלענס פאַרנעם.

שווײַג איך מיט אָוונט בײַם תּחום
פון דאָרפישן וועג,
אונטער דער פעלדישער זון,
מײַן לעצטן פאַרמעג.
רופן מיך פעלדער צו זיך
מיט רחמים-גענאָד
אין דעם שפּעט-אָוונטיק ליכט
ווּ ס'יתומט אויך גאָט.

פון מיר צו דיר

כ׳האָב ווײ אין זיך געֶנוג
צו פילן
דעם מינדסטן ברוך אין צווײַגן,
דעם אוי אין שטילסטן שווײַגן,
דעם וואָקל-ציטער פון יעדנס גיי און שטעל
און די שטומע וואָרטעניש אויף יעדנס שוועל.

כ׳האָב אויך זון אין זיך גענוג
צו בענטשן דיך און זײ,
מילדן דאָס געשרײ
וואָס רײַטלט ווונדיק אויף אַלע ליפּן
און מיט אַ טרײַען פּאָדעם
צו פאַרקניפּן.

אַ טראָפּן העלן גוטס האָב איך פאַרהיטן,
ער שלומערט טיף אין מײַנע היילן
און איך בין גרייט
פאַר יעדנס פרייד
מיט אָט דעם טראָפּן זיך צו טיילן.

בײַ ייִנגסטע בלעטלער

װען ס׳קניט די שעה פֿון אָװנט שפּעטלער,
לאָז איך זיך גײן אַן אײַנגעהערטער
צום װײגערױש פֿון ייִנגסטע בלעטלער,
װאָס אָטעמען מיט נײַע װערטער.

צו הערן סוד פֿון גרױסן גאָרטן
אין גרינעם סכך, אין בלאָען עטער,
אין װאָרצלען, הימלען — דאָ און דאָרטן,
אין גאַנג פֿון שטערן צװישן בלעטער.

די ייִנגסטע בלעטלעך קום איך הערן,
אין זײער דראַנג — געזאַנג געפֿינען.
איך הער אין זײ דאָס װוּנדערװערן,
װי נאָך און װידער נאָך באַגינען.

איך הער װי ס׳זינגט דער פֿױגל-זינגער
מיט פֿײַנגעשרײ אין כאָר פֿון פֿוקסן.
אױך איך מיט ייִנגסטע בלעטלעך — ייִנגער,
אין שװידערבלי פֿון אַלע װוּקסן —

כ׳בלי און שװידער מיט אַלע שטאַמען,
מיט װאָרצלען, הימלען — דאָ און דאָרטן;
מיט פֿױגל און מיט פֿוקס צוזאַמען
בײַ ייִנגסטע בלעטלעך אינעם גאָרטן.

די פורפורנע פאַרב

מיט בייזקייט דייַן זאָג: ליקוי חמה
און דו מורמלסט דערשראָקן אַז האַרבסט.
נאָר איך — כ׳זע די ייִנגלשע שפּאַנעו
מיטן גלי פון דער פורפורנער פאַרב.

דאָרט ווו שטאָט בייַ הימלישע ראַנדן
לאָזט אָפּ פרייַ אירע גאַסן צום טראַקט,
ווו דער באַרג זיך בייגט איבער זאַמדן
און קושט דאָרפישער ערד אויף איר באַק.

און זע ווי כ׳ווער פלוצעם פאַרענדערט
און דער וונדער פאַרזיווגט אויך מיך
מיט אַ וועלט פון ימען און לענדער
איין געלענדער פון דאָרפישן ליכט.

און כ׳שטעל גיך מייַן בעכער אַנידער
אַזוי אַנדערש ווי דו אין דייַן שטעל.
איך שטעל אים בייַם פורפור פון לידער,
בייַ די רינוועס פון זוניקן העל.

און ניין, איך פיל זיך נישט זינדיק
ווען אויף מיך ווי דעם בוים וויגט דער ווינט,
ווען אויך איך ווער צוויטיק און זינגיק
און דער פרילינג מיך ווידער געפינט.

מייַן שעה

איך האָב ליב דעם אינדערפרי
ווען שוואַרצע ערד צעבלויט זיך הייליק,
ווען בראשית זאָגט: יהי
און שענקט אויך מיר מייַן ליכטיק חלק.

שעה פון זון אויף מענטשס געזיכט
און פילסט געבורט פון איידער-איידער
אין דעם טראָט פון ליכט און פליכט,
אין זון-באַגילד פון גראָע קליידער.

און ס׳איז מייַן דאַנק מיט ליד און מי
וואָס כ׳בין אין ליכטוועב אויך באַטייליקט.
איך האָב ליב דעם אינדערפרי
ווען שוואַרצע ערד צעבלויט זיך הייליק.

און ווידער פרילינג

א

מײַן יאָ פֿון זיך — ער שטראָמט צו אַלע;
ווידער פרילינג, ווידער הייב איך אָן.
און ס'וואַרט די ערד — מײַן כּלה,
מיט צעפּ — מאַנדלצוויט און ליפּן — מאָן.

און ווידער — צום רוף פון דײַן באַשטימונג;
איך באַשפּין דײַן פעלד און ווער פאַרוועבט.
פון דײַן צווײַג און גראָז שטײַגט מײַן הימען —
אַרויף, אַרויף, יעדער שטיין — אַ טרעפּ.

און דאָרט, הויך, אין געזאַנג נתעלה,
ווי די ליבשאַפט פעדעמט זאַנג מיט זון —
די פעלדישע, אין בלאָ-וואָלן,
נעמסט בערג אויף זיך מיט ים אַרום.

און אַלץ זאָגט: אַ ל ף, פרילינג — ווידער,
און אַלץ רופט: זינג און גלייב, אַז תּמיד — —
הער איך ווי רינדער מוען לידער,
און איך זע וועלטס בלײַיקע נשמה.

ב

אַראָפּ די וואָלקן-הילונג.
טוויזנט אויגן די קאָנספּיקייט צעעפנט:
פרילינג!
אַ בליק פון פאָטערלעכער העלקייט
אויפן גאַנצן דאָרף פאַרשטאַנדיק;
אויף זיי,
די וואָגל-זין פון שניי,
וואָס האָבן אין דײַן גרינעם ליכט געלאַנדיקט.
דורך יווירנדיקער קאָרע שפּאַרט אַ זאַפּט —

זיי אַלעמען אַ גוטס צו זאָגן
מיט ליכטיקייט פון טאָגן.

אויך איך בײַ דײַן שטאָם, אַ שטאַמל-זינגער —
כ׳קוק שטויניק אויף דײַנע צווײַגן-פינגער,
ווי שרײַבסט מיט זיי אין חלל דײַנע גוטן,
ווי גריסט מיט זיי צו גאָט און לײַטן.

נעם איך מוט פון דײַנע מוטן
און נענטער זיך פאַרחידושט
פון מײַנע ווינטערדיק-פאַרטרערטע ווײַטן.

די מוטער זאַזי

א

דרײַ גאַנצענע טעג ווי מײַן זאַזי
גריזשעט קיין ביין און שלוקט נישט קיין יויך,
האָט פֿאַרגעסן אין עולם-הזה
און אין דער בייזער בילעניש אויך.

אַז וואָס איר דער כּל-טוב אין וואַזע?
אין איר טיפֿעניש טראַכט זי פֿאַרטויבט,
מיט איר צונג אויף דער ראָזער זאַראַזע
אין דער ווייכקייט פֿון שוואַנגערן בויך.

און קיין ביל, גאָר שטיל איצטער דווקא
ווען אין היילן פֿון לײַב האָפּסלט בראַוו
פֿלייש און ביין יונג-יויריק צוזאַמען.

פֿאַרגעסן דעם בייזן געהאַווקע
און מאַמיש טיף פֿאַרטראַכט אין באַשאַף
לאָזט זי שטיין די געשמאַקע מטעמים.

ב

גאָר אַנדערע ווילן און גוטן.
ס'איז אַ זעלטענער טאָג אינעם יאָר.
אַז ווײַל זענען אָט די מינוטן
ווען דער רחמים פֿיל-פֿול איז ביז גאָר.

דער שוים אויף די ציין, אַלע גלוטן,
ווי נישט קיין מאָל געווען אויף דער וואָר.
אַ חסד מאַכט מילדער די בלוטן
און צעציטערט די פֿעליקע האָר.

זיי ציטערן דין ווי די צוויטן
אויף סאַמעט-ווייכן מאַמישן לײַב
וואָס אָטעמט וואַרעם דאָ אין מײַן הויז.

זי, זאַזי, אין גאַטס וועלט אין מיטן,
מיט די סודות פון מאַמע און ווײַב —
און באַלד פירט זי אַ לעבן אַרויס — —

ג

אַ ווײַס און אַ ברוינס, פײַכט באַשליימיקט,
זאַזי ציט זיי פון הײַטל אַרויס
און פּאַטשט מיט איר צונג און זי רייניקט
און ווישט זיי מיט פּעליקן קרויז.

און גלײַך ווערט איר גוף צוגעאייניקט,
זי פאַררונדלט זיי טיף אין איר שויס.
פאַרגעסן וואָס צאָרניק און ציינִיק
ווען דער מאַמישער רחמים איז גרויס.

אויך איך גלעט דאָס ווײַסע און ברוינע
מיט די בליקן פון נײַגער און סוד:
אָ, צאַרטינקע הינטעלעך ביידע!

נישטאָ איצט קיין ביל און קיין שׂונא,
די גאַנצע ערד — איין פּאָטערשאַפט גאָט
און אַלץ איז אַ טייל פון דער עדה.

אין ליכטוועב

אויב פּילסט אין דיר, אין צוק פון האַרצס באַוועגן —
דעם לויף פון בליץ, דאָס דונערישע הילכן;
אין טריף פון לײַב — די שייכות מיטן רעגן —
ווי זויגסט מיט פעלד פון מאַמע וועלט די מילכן;

אויב פּילסט אין דיר, אין קעמערלעך דאָס וועבן —
דעם שטראָם און דעם מאַגנעט אַהינטער הויטן;
די סודיקע טיקטאַקן פונעם לעבן
וואָס פּאַרעמט קײַקלעך בלוט מיט רונד פון ברויטן;

און פּילסט אין פאַרב פון בלוט די זונענרויטן,
נאָך ווונד פון אַלע נעכט נישט אויסגערונען —
האָסטו מיט אַ מאָל באַזיגט אַלע טויטן
און צו דעם תּוך פון וועלטן ביסטו געקומען.

דײַן גוט-מאָרגן

פאַרטריבן און באַזיגט האָב איך דעם שלאָף
נאָך אַלע מידקייטן און געצאַנקען,
צו זען דעם אויפשײַן וואָס נאָך יעדן סוף
און גריסן דעם פויגל אויף די פלאַנקען.

פון קאַלענדאַר פאַלט נאָך אַ בלעטל אָפּ
אינעם זקנס האַרבסטיקע געדאַנקען.
און איך — אינעם פענצטער איך שטרעק מײַן קאָפּ:
גוט-מאָרגן צום פויגל אויף די פלאַנקען.

אין די גרינען פלעכסטו דאָ דײַן נעסטל
נאָכן שטורעמוואַנדער, אַ מידמאַטער
אין פרילינג וואָס כולו נײַ איז.

פול מיט לײדן ברענגסטו דאָ דײַן מעסטל
און דײַן גוט-מאָרגן אַצינד באַפּלאַטערט
די גאַנצע ערד וואָס מיד איז פון לוויות.

דו אין ליַינענעם קלייד

די שיינע ברייזשיט וועט לאַכן פון דיר
מיט ווייַנשל די רויטע
אויף בליציקע ציין,
שיין און געמיין.

נישט דו דער מאָדעל פאַר דעם קינאָשן שילד,
פאַר דעם סעקסישן בילד און דזשונגלשן ווילד,
נישט דו מיט דייַן הארטן, פאַרברענטן געזיכט
וואָס האָט זיך געקאַרבט אין זוניקן ליכט.

נישט דו און נישט איך,
מיר צוויי זאַלבעצווייט
מיט פאַרליימיקטע שיך
און מיט ליַינענעם קלייד —
ס'בלייַבט אונדזער בולוואַר
די פעלדישע בייט,
מיט שפּורן פון צער
אויף אַ שטעגל פון פרייד.

טאָג נאָך טאָג, יאָרן לאַנג
אַזוי אונדזער גאַנג.
דאָס איז אונדזער שוועב
אויפן ערדענעם גרונט,
אונדזער שאָטן-געלעב
מיט זון דורכגעזונט.

און זאָל זי, ברייזשיט, לאַכן פון דיר.
מיר וועלן גיין אונדזער לאַנגן שפּאַציר
אַזוי זאַלבעצווייט,
אַזוי זאַלבעדריט —
איך נעבן דיר, בייַ דייַן ליַינענעם קלייד,
און די זון צווישן אונדז — אין דער מיט.

צווײ בײמער

אין גן-עדן, צי גן-לײדן,
אין אײנעם פון זײ בײדן
גיב אַן אָרט מיר אין ווײַטסטע ווינקלען
און נאָך אַ רגע ווען האַרץ זאָל קלאַפּן —
און ווידער וועל איך מײַן וועלט צעפינקלען,
ווידער אויף ס׳נײַ באַשאַפן.

כ׳ווייס נישט צי איך וועל נאָך קאָנען
ווי אַמאָל מיט יונג-מײַסטערישן פלאַטער —
וועט מיר געגונג זײַן דאָס דערמאָנען,
אַלץ וואָס געווען און דאָס מײַנס-געהאַטע — —
כ׳וועל דעם מילגרוים ווידער פלאַנצן
אין זײַן געיאָדער צו פאַרגאַנצן
געזאַנג, געדאַנק און קערנער לעבן;
און אויך אַ ווערבעבוים דערנעבן
מיט אַראָפּגעלאָזטע צווײַגן,
אונטער אים צו טראַכטן,
אונטער אים צו שווײַגן.

אַזעלכע בײמער צווײ בײַזאַמען
האָב איך געהאָדעוועט דורך לאַנגע יאָרן:
אײנער — שטראַליק, חלומס בלאָ-גאָלד-פלאַמען,
דער צווייטער — גראָ-גרין פון די וואָרן.
כ׳וויל זײ ווידער מיט די צוויטן,
מיט די דערנער און די בלעטער;
בײמער צווײ
און איך אין מיטן
מיט נשמהדיקן קלעטער.

אפשר אויך די זון צווישן
וועט אירע שטראַלן דאָרט פאַרציִען

און די פייגל אויף קלאַווישן
וועלן פרייען מיטן פריִען
בײַם פאַרקניפּן מײַנע קניִען,
בײַם צעבייגן מײַנע אַקסלען — —

לאָז זיי פון מיר בליִען,
לאָז זיי פון מיר וואַקסן.

נאָר אַ מאָל ווידער

פון יוליאַ און ראָמעאָ ווידער
וועט די לעגענדע ווײַטער שפּינען.
נאָר לעצטע שאָרכן פון אַ ווידוי
וועלן ביידע זיך אָפּגעפינען.

נאָר דעם ווי אַלץ וועט שוין פאַרפרירן,
פון טײַך און ביז אַ טראָפּ אַ ליאַדע,
וועט אונטער אײַז אַ גאָלדפיש רירן
און אויך זײַן ז י מיט אים אַוודאי.

דורך גרויל פון שווערע שוואַרץ-זאַווייען,
ווו אַלץ צו-נישט מוז סוף-סוף ווערן,
וועלן די צוויי, פאַראיינט אין צווייען,
די נאַכט דורכשפּאַלטן מיט אַ שטערן.

אָ, ווער איז דאָרטן? — וועט זיך פרעגן
דער אַשמדאי, נאַכטס בייזער וועכטער:
וואָס טוען נאָר אויף טויטע וועגן
די אָדם-זין, די חוה-טעכטער?

נאָר נאַכט, געמוטיקט פון אַ שטערן,
נישט לאָזן וועט די צוויי צעטיילן.
און זייער אָטעם וועט זיך הערן
און לעגענדעס אויף ס׳נײַ דערציילן:

אַז אַ וווּנדער פון איבער וווּנדער
אין ביידנס בליקן די צעהעלטע,
אַז אַשמדאי האָט נישט צעזונדערט
און ס׳איז די פרייד פון אַלע וועלטן.

רינגען אין שטאַם

ווי דערפריט האָט די נאַכט פון מאַמישן וואַלד!
פון אַש — אַ נר־תּמיד אַרײַן אין מײַן בליק.
איך האָרך איר געשאָרך, עס גענענט איר געשטאַלט,
און צו איר וואַלדיקן בליק קום איך צוריק.

יעדן שלעפּטוך פון וועגן וואַרף איך פון מיר
פאַר איין טראָפּן ליבשאַפט, איך וואַרט אויף גענאָד.
מײַנע פינגער געשטרעקט צו ערשטן באַריר,
צום וואַלדיקן שאָרך אין פאַרהוילענעם טראָט.

סאַראַ רעטעניש־נאַכט ווען פײַער אַליין
די וועגן געפינט צו דער מילדקייט פון קוואַל,
און דאָס אויג וואַשט זיך אָפּ מיט אייגן געוויין
אין בלי־נעסט פון וואַלדיש־וועלטיקן אַל.

ווידער מאָ אינעם שאַ ווו סדום האָט געגליט.
ווידער זויגיקע שפּיל פון קנאָספּ מיט אַ קווייט.
ווי קיין מאָל געשטאָרבן דאָס מאַמישע ליד
און ביז אייביק פאַרהיט דעם זאָמען פון פרייד.

ווי דערפריט האָט די נאַכט פון מאַמישן וואַלד
און נס פון בראשית פאַר מיר אַנטפּלעקט.
איך שטיי בײַ אַ שטאַם וואָס איז קרישלדיק אַלט
און פאַררינגלט אין זיך מיליאָניקע טעג.

רינג בײַ רינג, רינג אין רינג, ס׳בליט ווידער און נאָך,
און קאָרע און צווײַג מיט די רינגען בײַזאַם.
די בליִונג איצט זויג איך פון טרעריקן תּוך
און אַ רינג צווישן רינגען בין איך אין שטאַם.

די צוויי פון מיין דאָרף

א

די טרעפּ פון דער אַלט-שטאָט האָבן נישט קיין מאָל געזען
אַזוי פיל אייליקע טריט, אַזאַ ייִדן-געווימל.
אַראָפּצו, נידער און נידער, ווו מען רירט אָן דעם הימל,
האָבן שפּעלטלעך פון כּותל געווונקען אויף היילן
ווו עס ווינען בסתר מלך און נביא,
און אַ קרוין אַ צעפּלאַצטע אויף טויזנטער מיילן
האָט זיך ווידער געאייניקט אין טיגל פון אָוונט.

דעמלט האָב איך דערזען אייך — צוויי צווישן אַלע,
אָן אויגן אַקעגן דער מענטשלעכער כוואַליע,
צוגעשפּאַרט ענג צום ראָג פון אַ ליקל,
און אומזיסט האָט דער זונפלאַם באַנדאַזשן געוויקלט...

דעמלט בין איך געלאָפן צום שער פון לייבן,
ווי איינער אַ טרויער-שליח פון מיין דערפל-מדינה
מיט שליחות פון מיינע לאַנקעס די גרינע
צו שטיינער פון אַלט-שטאָט די רויטע, צעגליטע,
זען די פאַרצוקונג אין בלוטן צעזידטע —
און א מ נ ו ן און ח נ ן האָב איך געשריִען
ביים שער פון לייבן
אין ווונדן פון שקיעה.

— אַז וואָס האָט איר שטיינער געפילט אין די טריפן
פון ייִנגלינגען די מיט גרין-בלוט פון דערפער,
געקומען צו אייך מיט מע פון די שטאַלן
אין עפּלשע דופטן פון מאָרגן פּרי-יוני,
מיט בליקן פון קינדער, רעטעניש בלאָע,
דיך, שטאָט, מיט זייערע בליקן דערהייבן, —
צי האָבן שטיינער געפילט אין בלוטן די טויען
ביים שער פון לייבן?

נאַכט איז געוואָרן,
ס׳האָט זיך דער יובל פאַרהילט מיט געבויגענע פּאָנעז.
און איך, דער טרויער-שליח פון מײַן דערפל-מדינה,
מיט פלאַם אין די אויגן די לאָנקישע גרינע,
האָב אַלץ נאָך גערופן:
ווו אמנון? ווו חנן?

ב

און איין מאָל בײַ נאַכט פון שטאָל הער איך שרײַען
אויף מילכן וואָס האָבן געזויערט אין אײַטער,
אויף איינעם, אמנון, דעם גוטן, געטרײַען,
אין פלאַמען פון אַלט-שטאָטס צאָרניקן שײַטער.

און איין מאָל בײַ טאָג פאַלט טרעריק אַן עפּל,
ווײַל חנן איז מער צום בוים נישט געקומען,
און וואָלקנס דערזע איך — בלוטיקער נעפּל
איבער די הימלען פון גאָלדענעם זומער.

און כ׳טרעף די צוויי מאַמעס — קאַטיאַ און ראָזאַ,
מיט זייערע טרערן שווערסטע און הייסטע,
בייג איך זיך אײַן ווי צעטראָטענע גראָזן,
ווילן כ׳וויל וויינען און ווייס נישט ווי טרייסטן.

אין מיר ברומט פון שטאָלן יתומדיק שרײַען.
אין מיר פאַלן עפּל — בלוט אויף די ליימען.
און עס קאָן קיין ליד מיר איצטער נישט סטײַען
ווען ס׳ווייסט נישט מײַן שטומקייט ווי טרייסטן און וויינען.

מײַן בליק נאָך אַקעגן — פלאַמיקער לאָגל
צום אויפזאָט פון טרערן, דאָרטן צו שעפּן
פאַרבאָרגענע בשׂורות — כ׳זאָל זיי צעטראָגן
איבער דער אַלט-שטאָטס פאַרבלוטיקטע טרעפּן.

ג

אפשר קינדעלע דו, וועלטס בשורה-זינגער,
דו וועסט צעשנײַדן דעם קנופּ פון די שאָטנס
און מיט די נאַרציסן פון דײַנע פינגער
רירן די ביינער, באַלעבן דעם אָטעם.

און ווײַט-פאַרמעקטע, פאַרגעסענע שפּורן,
פאַרשוווּנדן אין ווינט מיט פלאַמיקע רויכן —
וועסט דו מיט קוש פון דײַנע יסורים
פון ליפּן צו ליפּן האַרציק באַהויכן.

יאָ, איך גלייב, און טויזנט מאָל: אני מאמין!
תּמער קינדעלע דו, דיר טו איך גלייבן —
דו וועסט אים ברענגען צוריק צו דײַן מאַמען
פון בלוטיקן וועג בײַם שער פון לייבן.

כ׳האָב אָנגעגרייט ברויט מיט ברכה פאַרקנאָטן
פון פעלדער אָט די מיט ליכט פון אֵין-סופן.
און דעם טויער פון דאָרף האָב איך געבאָטן
צו וואַרטן בײַ וועגן תּמיד ברייט-אָפן.

אַ נאַכט וועט גענענען, קוים-קוים צו הערן,
צו דײַנע נאַרציסן וועט זי זיך נייגן,
ס׳וועט דעמלט פון אַלט-שטאָט דודס אַ שטערן
רופן דיך, יתום: קום, קום, ביסט מיר אייגן.

ס׳וועט זײַן אָט אָ דאָ, בײַם אָפענעם טויער.
דער שאָטן וועט הינטער בערגער אַנטרינען.
שטיל וועט ער קומען פון יענער זײַט טרויער
און וועסט אים אין חלום ווידער געפינען.

די טרייסט פֿון ירושלים

נישט מיר די גאָלדאַרכיוון
מיט מגילות לאַנג און ברייט.
כ׳האָב ליב עטרות אויסגעדריוועלט
און נעבן זיי אַ יונגע פֿרייד.

און איצטער ווען מלאכים אויפֿן לעצטן שטאַפּל
מיט שטויב פֿון מערק אינעם שוואַרצאַפּל
קוקן צו די געסלעך אויסגעלאָשן, מאַט —
מײַן ברכה דיר, שוואַרצע מילכּה,
ווען שמייכלסט אין דײַן צאַפּל
און בעטסט בײַ דײַן נסים:
הרי את...

גוט ווען טיילסט דײַן פֿאַלאַפֿל
מיט דײַן דזשינדזשי דעם סאַלדאַט!

דאָס איז שיר השירים
ווען מלאכים פֿרירן
און גיסט נאָך אַ ביסן
אים דײַן גוטן נסים
אַזוי פֿעפֿערדיק און זיס.

דער מלך דוד פֿרייט איצט,
דער מגדל דוד שטייט איצט
טאַקע אויף די נסים
פֿון נסימס פֿעסטע פֿיס.

פון תשל״ד

א

אוי, באַלד וועל איך טרעפן אין טאָגשײַן געבויגן
דאָס טאָפּאָליקע ייִנגל
אָן אויגן,
און ווי וועל איך זאָגן גוט-מאָרגן
בײַ אַ זון וואָס האָט זיך אויף שטענדיק
פאַר אים פאַרבאָרגן?

ווי אַלץ נאָך גוט-מאָרגן
מיט ניגון דעם זעלבן?
ניין! מײַן שווײַגיקע האַנט אויף זײַן אַקסל,
מיט צער פון הימלישע וועלבן
ביז ערדישע אַקסן.
זאָל ער פון איר צוק אַלצדינג הערן.

סײַ ווי וועט ער קיין מאָל נישט זען
מײַנע טרערן.

ב

נאָך פלי פון „מיראַזשן״,
נאָך אויפרײַס און וויסטע מיראַזשן
לייען איך טרערן פון רחמים
אין דײַן שווײַגיק, צוקנדיק פּנים.
עפּעס אין דיר טוט דערמאָנען
און מאָנען — —

העכער פון פלי פון „מיראַזשן״,
די גוטסן
וואָס האָסט נישט פאַרגעסן.
זיי וועלן נאָך נוצן
אין אַנדערע טעג און מעת-לעתן.

זיי זענען נאָך ווײַט,
נאָך נישט פֿאַראַרבט זייער נאָמען.
נאָר זיי וואַרטן וווּ, איבער צײַט,
אין ערב פֿון אחרית הימים.

אַ גרעזל וואַקסט שוין בײַ דײַן שוועל דאָ
לכּבֿוד די פֿרידלעכע העלדן.
אַ פֿייגעלע איבער דײַן לאָדן
צעשטאַמלט שוין זינגיק גענאָדן.
און ווייל ווען איך זע דיך דערינען
אין קליידער פֿון אַרבעט
אין פֿראָסטן באַגינען.

פֿעלדישער טוי איצט באַזאַלבט דיך
ווי איינעם פֿון בעסטע געטרײַע,
און איך לייען פֿון דײַן פּנים אַראָפּ
דאָס וואָרט פֿון ישעיה — —

רויזן און מאָך אויף דײַן מויער

א

זע, שטיינער רירן... יאָ, ס'איז מעגלעך
ווי נאָר אַ ליד טוט זיי באַהויכן.
די אַלטע מויער ווערט באַוועגלער,
הייבט אָן פון אַלטקייט אויפצוטויכן.

באַצירט מיט פּליוש-גרין פון די מאָכן,
באַשײַנט מיט ווײַן-רויט פון די רויזן.
און אויף איר וועבן טעג און וואָכן
אַ בלאָ וואָס טיף ווי נאַכט פון טויזנט...

אַ פּאַרמעט-בלאָ מיט צוק פון כּתבן
אין שטיין פאַרקריצט און אײַנגעשליפן.
און פּלוצעם — הער, ווי עמעץ דאַוונט
צום שטיין געפּרעסט די הייסע ליפּן.

באַהאַלט אַצינד דעם שטויב אין אויגן
און הער נאָר צו דאָס קול וואָס ווידערט.
דאָ שטייט אַ דור פרום אײַנגעבויגן.
די אַלטע מויער איז זײַן סידור.

ב

מײַנע פינגער אויף דיר, אַלטע מויער.
איך דערהער מײַן דופק אין דײַן געשטיין;
דעם נס פון ערשטקייט, די טריט אויף רויערד —
ווי אַזוי בראשית הייבט אָן צו גיין...

מיט דיר האָט מען געשטעלט ערשטע תּחומען
אויפן דערנערפעלד פונעם הפקר-לאַן.
דערנאָך — מיט זריעה און מיט אַ ברונעם
און מיט אַזאַ יונגן, באַזונטן שפּאַן.

ס'האָט דער עקדיש דעמלט פון דיר געניִדערט
מיט זייַן גרינעם צווענגל צו מייַנע קני,
ווען איך האָב אין מיטן טאָג אַ מידער
נאָכבאַגלייט די פייגל אין הויכן פלי.

כ'געדענק דעם שווער מיט אַ שטאָך צוזאַמען,
ווי האָבן ביידע זיך אין האַרץ פאַרקריצט
מיט ווי און ווּנדער פון אָט די לאַנען
וווּ כ'שפרייַז מיט ליד אַ באָרוועסער אויך איצט.

זע, יאָרן — יאָרן און אַלץ נאָך דויערט
יענער פייגלשווער וואָס פאַרהילט געוויין.
מייַן ערשטער טאָג ביי דיר, אַלטע מויער —
ער האַלט זייַן הויכע זון — נישט צו פאַרגיין.

ער באַוועגט דייַן שטיין, צעאָטעמט דומם
און באַהעפט מייַן פאָדעם צום ליכטגעוועב;
מיט נאָענטן פעלד צו ברייטע רוימען
אין יאָרנס וואָביק-זינגיקן געלעב.

יאָרן — יאָרן, יעדער טאָג באַזונדער —
און אייניקסט זיי אין לאַנגן וועג צונויף
מיט זייער גאָט-דאָרשט און מענטש-ליב-הונגער
ווי אַ קאַראַוואַן גלעקלענדיק אין שטויב.

ס'איז זי, דייַן קאָרעטע, קוואַליק, שטראָמיק,
מיט אַ צוזאָג יעדן טאָג פאַר זייַן גלי.
דו שטראָמסט און דו קוואַליקסט מיט אַ נשמה —
און טעג אין פאַרגאַנג ווערן ווידער פרי — —

ג

אָוונטצײַט קומט אַ קינד זיך שפּילן
בײַ דער מויער אין איר טויער-וועלב.
די קילע ווינטלעך אים פֿאַרהילן
מיט דער ראָזעניש פֿון ברייטן פֿעלד.

שפּילט דאָס ייִנגעלע מיט די שטיינדלעך
וואָס קרישלען זיך פֿון דער מויער-וואַנט,
און צעשמייכלט מיט מלא-חנדלעך
הייבט ער די אייגעלעך צום בערגערראַנד.

דאָרטן טרעפֿט ער אויך מײַנע בליקן
אויף די בערג אין ערשטן שטערנצינד.
כ׳בעט פֿון דאַנען ס׳זאָל אים גליקן
ווי אויך ער וועט בעטן פֿאַר זײַן קינד...

דערלאַנגט ער מיר זײַן פּיצל הענטל
צו די שטיינדל-שפּילן גלײַך מיט אים.
איז... שפּיל איך מיט מײַן לעצט יאָרצענטל
בײַ דעם גאָלדגעלעכטער פֿון זײַן שטים.

די אַלטע מויער אונדז דערנעבן
מיט די מאָך און רויזן שמייכלט מיט
און ווי אַ גוטע באָבע-לעבן
בענטשט זי מיט אייביק אונדזערע טריט.

מיר שטייען אויף נאָך אַלע שפּילן
מיט שמייכל-דאַנקען פֿאַר דעם געווינס.
אַ טשאַטע פֿייגל הער איך שפּילן
פֿון איבער דעם קרײַזל-טשוב דעם קינדס.

אין מאָך זיך זאַמלען טרײַע שטערן
און רויזן וויגן אַהיים צו נאַכט.
די שטערן מערן זיך און מערן
און זיי זאָגן צו אַ סך, אַ סך.

און אויך די מויער ווי די קינדער
מיט דער נאַכט פאַרדרעמלט און אויך איר דאַכט,
אַז אויף איר קלעטערן אַצינדער
די טויזנט נעכט צו דער שענסטער נאַכט...

ד

אויך איך — איך חלום — — פון שיך פאַרקוואַרטע,
מײַנע אַלטע שיך נישט אויסצובײַטן:
ווי זיי היטן אין קנייטשן די האַרטע
ליימען און זונען, וועגן און צײַטן.

זייער אַלטקייט די נאַכט איצט באַשפּיגלט
נעבן דער מויערס רויזיקע קראַנצן.
מאָרגן פרי, אויפן פעלדישן היגל
וועט זיי די זאַנג-זון מיט יום-טוב באַגלאַנצן.

ס׳וועט זײַן צווישן תּבֿואות געשניטן,
אין געוויג פון די זאַנגענע וועלן.
איך חלום פון אַ זקן אין מיטן
פונעם יִינגלש צעוויכערטן טשמעלן.

איך חלום אַז כ׳בין נישט באַזונדער
דאָ צווישן אַ יִינגלינג און זויגלינג.
די לבנה מיט טאַנצראָד פון וווּנדער
זילבערט בשׂורות אַרײַן אין די אויגן.

ח

און אויב די נאַכט וועט אונדז פאַרשלעפּערן,
צוקניפּן די פעדעמלעך פון ברעמען — —
וועט די באַגין-שעה, די באַשעפעריין,
ווידער אויפשפּיַינען אונדזערע נעמען.

און קינדסקינדער וועלן דאָ זיך שפּילן,
אינעם מאָך דעם מיט די רויזן בלִיען.
און זייער אָטעם וועט אונדז פאַרהילן
אין זונפאַרגאַנגען און מיטן פריִען.

און זי, די מויער וועט די בריק זײַן
פאַר אונדזערע פאַרשוווּנדענע מעת-לעתן.
זי וועט אויך וועקן אונדזער צוריקזײַן
בײַ דעם טיפן אָפּגרונט פון פאַרגעסן.

אינהאַלט

אותיות פון פוילישן וואַלד

די ערשטע ווערטער 9
ניגון פון פאַרטאָג 10
די טאָכטער פון וועלדער 12
אותיות 15
צום זיידן אין שלווה 16
פראַגן וועגן אייביק 17
בת ישׂראל 18
אלמנה ייִדיש 19
פייגל — אַ מנין 20
צום ווײַטן שטערן 21
אַ שטעגל אין אַש 22

אַ גאַסט אין מײַן נחלה

א. דער אינו־נראה 29
ב. שטראָפרייד אין שאָטן פון דעמב 32
ג. אין דער גאָלדענער שעה 36
ד. מיטן אָטעם פון נצח 40
ה. אַנדערע געסט 43
ו. בײַם מאָנומענט 45

נאָך דער בשׂורה

* וואָס וועט דיר זאָגן 51
חבר פויגל 52
פון עץ־הדעת 53
אויך ער 55
איינער בײַם ים 56
אין שווערן פרווו 57
נאַכט אין פעלד 58
בלעטערפאַל פון פרײַנדשאַפט 60
אויך אין דאָרף 61
אין געהיימפעלד 62
אין לופט פון מאַרמאָר 63
אויף מײַן שוועל 64
צום שכן 65
בײַ שטומע פידלען 66
פאַרלוירן 67
אַ מתּנה 68
די ריטמען פון דופק 69
* ניין און ניין 70
די ראָזשינקע 71
אחד 72
חבר הימלפלי 73
אין שעמעוודיקן כּתב 75
אין וואַרטונג 76

אין שפּיגלען פון שטעט

אין קאָרידאָרן 79
שטעט 80
איך זע דיך, לאָנדאָן 81
אַ שאַך־שפּיל בײַם פּאַראַד 82
מיט דאָקטער דוליטל 83
שפּעט נאַכט אין אַ מעטראָ 85
אין פּאַרט פון אַנטווערפּן 87
בײַם ווײַנטיש 88
צווישן צוויי 89
דער ליבע־שרײַבער 91
דער פּאַראַד 93
בײַם רעיענט 94
אויפן לאַנגהאָריקן יאַריד 95
אין דער שטאָט פון דוד 99
וואַנדלער בײַם ים־סוף 101

די בלומען פון רחמים

א. בײַ דער פאַרמאַכטער טיר 105
ב. די טרעפּונג 107
ג. די וועבערין 109
ד. צום דאָקטערס שוועל 111
ה. דער בליק פון היילונג 113
ו. בײַם דאָקטערס טיש 115
ז. שפּעטע שטערן אויפן שפּיטאָל 119
ח. דער מלאך 121
ט. די בלומען פון רחמים 122

אויפן ליד-מאַרק

י ווידער 125
ויפן ליד־מאַרק 126
ליד וועגן לידער — גאָדלען 127
אָס פאַרבלאַסטע גאָלד 128
אָס פאָלקסליד 129
פיגאָנען 130
ין אַ הייסן טאָג 131
ך אין ברענערן דערמאָנט 132
וואָס בלום, וואָס זון 133
מאָדעס 134
ביים באַשיצער 135
אין פרעגן 136
צום פאַרבלאָנדזשעטן 137
אַ ליד וועגן פידלמאַן 138
צום שׂר פון ליד 140

ליכטיקער מנין

קול זאָגט 143
יים לעצטן פונקל 144
ווייקאָליריק 146
עטער שמואל 148
ערמאָנונגען וועגן ספרים און ביכער 150
ער זקן פון מחנה־יהודה 154

צו יהואש

א. מיר קומען 156
ב. דער פילגער 158

דער מאָלער זאָגט 159
אַ פריינד 160
ביים ליכט־טיש אין האַאַג 162

אַ טראָלדל פון קאַסטיליע

. שפורן 167
. אין דערמאָנען 169
אין טעפער פון אויגן 171
. אין גאַנג 174
. אויף פאַרמעט פון אַמסטערדאַם 176
אַ בלעטל 178
ז. אַ בוים מיט דריי קרוינען 180
ח. קדוש לאָרקאַ 181
ט. כ׳וועל דיך היינט נישט בענטשן 183
י. אין אויגן פון מיין זון 185
יא. אַ זעמדל פון זאַמד 187

מיטן וואַלדיקן שטערן

סניגוריה אין וועלטוואַלד 191
ין דער פמליא פון וואַלד 193
ימען 195
יטן וואַלדיקן שטערן 197
וועגן אַ וואָרט 201
צום מעדיקער 202
די קוזשניע געדענקט 204

ביי יינגסטע בלעטלעך

ם איך מיט אָוונט 207
ן מיר צו דיר 208
י יינגסטע בלעטלעך 209
פורפורנע פאַרב 210
יין שעה 211
ון ווידער פרילינג 212
מוטער זאַזי 214
ין ליכטוועב 216
ין גוט־מאָרגן 217
דו אין ליינענעם קלייד 218
צוויי ביימער 219
נאָך אַ מאָל ווידער 221
רינגען אין שטאָם 222
די צוויי פון מיין דאָרף 223
די טרייסט פון ירושלים 226
פון תשל״ד 227
רויזן און מאָך אויף דיין מויער 229

ביכער פון אריה שמרי

פּאָעטישע ווערק :

ל״ו שירים על לייזר ציפּרס

עברית — **אברהם שלונסקי**; עיטורים — **יצחק פלגי (פולקביץ׳)**

ספרית פועלים, 1939

אין טויער פון טעג

ספרית פועלים, 1947

אין וואָכיקן ליכט

ספרית פועלים, 1953

אַ שטערן אין פעלד

די גאָלדענע קייט, 1957

פרעמירט פון אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק

די פונקען פון תּיקון

צייכענונגען — בען

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960

פרעמירט פון ייִד. וועלט־קאָנגרעס, פּאַריז,
און אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק

טריט אין גן־עדן

ספרית פועלים, 1965

פרעמירט פון גענייא־לעווי פאָנד — תל־אביב

דאָס ייִנגל פון דיזשאָן

צייכענונגען — יואב שועלי

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, 1968

געזאַנגען אין שייַער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, 1970

פרעמירט פון ש. ניגער ליטעראַטור־פאָנד בייַם אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס; ייִדישער שרייַבער־פאַראיין, תּל־אביב, יובל־פּרעמיע צו 25 יאָר מדינת ישׂראל; און פרס יעקב פיכמאַן, תּל־אביב.

אַנטאָלאָגיעס :

לא אמות כי אחיה

דערציילונגען פון דער ייִדיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור
(רעדאַגירט צוזאַמען מיט ד. כנעני)

ספרית פועלים, 1957

וואָרצלען

פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, 1965

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלער פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שיַער
לידער און פאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פֿון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפֿונג
ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפֿילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפֿץ טוזמאַן / בלעטער פֿאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פֿרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פֿון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבֿי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פֿון פֿינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פֿון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפֿץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1933—1943

יעקב פֿרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דרײַ בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פֿון פּראָפֿ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאָם
לידער און פּאָעמעס
צייכענונגען — בען